Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 8 זייטען

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

№ 144 | Łódź, Wtorek, 23 czerwca 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאָדז, דינסטאג ח' תמוז תרצ"א | № 144

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

די מלוכה פערלאַנגט קרבנות

שרייבט פּרעמיער פּריסטאָר אין אַ בריף צו אַלע מיניסטאָרען

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). היינט פאַרמיטאָג האָט דער מאַרשאַל פּילסודסקי אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן פּרע־מיער פּריסטאָר. נאָך דער דאָזיגער קאָנפערענץ זע־נען קלאָר געוואָרען די ווייטערדיגע רעדוקציעס פון די פּענסיעס פון די מלוכה־בעאַמטע, אַזוי ווערט ביי די וואַרשעווער מלוכה־בעאַמטע צוגענומען דער „דאָדאַטעק סטאָלעטשני", דער בוי־צושלאָג און פאַר די קרעסען־בעאַמטע דער „דאָדאַטעק קרעסאָווי". די רעדוקציע בעטרעפט 55 מיליאָן זלאָטעס אַ יאָהר.

דער פּרעמיער פּריסטאָר האָט היינט פונאַנ־דערגעשיקט פאָלגענדען בריף צו אַלע מיניסטאָרען:

כדי צו דערהאַלטען די גלייכגעוויכט פון בודזשעט מוז מען איהם פריש רעדוצירען מיט 300 מיליאָן זלאָטעס. דאָס קען דערגרייכט ווערען נאָר אויפ'ן וועג פון שווערע קרבנות. די אויפמערקזאַמ־קייט ווערט פון דער דאָזיגער לאַגע, געווענדעט צו די בודזשעטען פון בילדונגס־ און קריגס־מיניסטער־יום, די רעדוקציע אין די דאָזיגע בודזשעטען זענען שוין דערגאַנגען [צו דער לעצטער גרעניץ. כדי וואָס שנעלער צו דערגרייכען אָפּשפּאָרונגען איז מען געצוואונגען געווען אָפּצושאַפען אַלע צוגאַבען פאַר די מלוכה־בעאַמטע, איך פערשטעה ווי שמערצליך עס איז די דאָזיגע פעראָרדנונג. די פינאַנציעלע לאַגע פאָדערט אָבער ראַדיקאַלע פעראָרדנונגען, וועל־כע זאָלען געבען אַ באַלדיגען ערפאָלג. דאָס דער־האַלטען דעם גלייכגעוויכט פון בודזשעט מוז זיין די הויפּט־אויפגאַבע נישט נאָר פון דער רעגירונג נאָר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דעריבער פער־לאַנג איך פון די בעאַמטע אַזעלכע גרויסע קרבנות און [איך] גלויב אַז איך וועל געפונען [פערשטענדניש ביי זיי.

צום סוף פון זיין [בריף בעט דער מיניסטער צו אינפאָרמירען די בעאַמטע וועגען דעם וואָס האָט געצוואונגען די רעגירונג צו נעהמען פון זיי אַזעל־כע שווערע קרבנות.

*

אין די פּאָליטישע קרייזען האַלט מען, אַז דער בעשלוס וועגען די נייע רעדוקציעס פון די בעאַמטען־פּענסיעס איז אין מיניסטאָרען־ראַט אָנגענומען גע־וואָרען נישט מיט אַלע שטימען, צוליב דעם רעדט מען וועגען נייע ענדערונגען אין דער רעגירונג.

פּאָלקאָווניק פּיעראַצקי

איבערגענומען דעם אמט פון אינערן־מיניסטער

וואַרשאַ, (טעלעפאָניש) דער ניי־נאָמינִיר־טער אינערן־מיניסטער פּאָלק. פּיעראַצקי האָט אי־בערגעריסען זיין אורלויב אין קריניץ און איז געקומען קיין וואַרשאַ.

היינט אין דערפריה איז ער געקומען אין אינערן־מיניסטעריום און אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפע־רענץ מיט'ן אינערן־מיניסטער סקלאַדקאָווסקי און וויצע־מיניסטער סטאַמיראָווסקי.

12 א זייגער איז פאָרגעקומען די אָפיציעלע געזעגענונג פון אָפּטרעטענדען מיניסטער סקלאַד־קאָווסקי און די בעגריסונג פון נייעם מיניסטער פּיעראַצקי.

קאָנפערענצען פון מלוכה־פּרעזידענט

וואַרשאַ, 22 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) שבת פאַרמיטאָג האָט דער מלוכה־פּרעזידענט אויפגענומען אין שלאָס דעם פּרעמיער פּריסטאָר.

בעת דער קורצער קאָנפערענץ האָט דער מלוכה־פּרעזידענט זיך געווינשען אָפּצוהאַלטען א לענגערען געשפּרעך מיט'ן פּרעמיער וועגען אַקטו־על פינאַנציעל־ווירטשאַפטליכע פראַגען, צוליב דעם איז דער פּרעמיער שבת נאָכמיטאָג געפאָהרען קיין ספּאַלאַ, וואו ס'איז זונטאָג פאָרגעקומען א לאַנגע קאָנפערענץ צווישען מלוכה־פּרעזידענט און דעם פּרעמיער, דער פּרעמיער איז היינט צוריקגעקומען קיין וואַרשאַ.

עקסצעסען אויף יודען אין מיכאַלין

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש). זונטאָג 11 אין אָוועגד זענען בעפאַלען געוואָרען די יודען אין מי־כאַלין דורך אַ באַנדע שקצים, צעהן יודען זענען פערוואונדעט געוואָרען.

ערמאָרדעט דעם יענדזשעיאָווער ראש הקהל מאיר לעווי

קעלץ, 22. (טעלעפאָניש). היינט איז אין יענדזשעיעו ערמאָרדעט געוואָרען דער ראש הקהל מאיר לעווי, דער מאָרד איז פאָרגעקומען אויפ'ן באָ־דען פון געשעפטליכע סכסוכים.

אויפרייס אין א פּולווער־פאַבריק

2 אַרבייטער זענען אומגעקומען

ראַדאָם, 22. (טעלעפאָניש) אין וואַגאָשטש איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס אין דער מלוכהשער פּולווער־פאַבריק, 2 אַרבייטער זענען דערהרגעט געוואָרען.

געהיימניספולער מאָרד פון א יודיש מיידעל אין וואַרשא

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). היינט האַלב 8 אין אָוועגד האָט זיך אויף איינעם פון די בעלעבסטע פונקטען אויף נאַ־לעווקי 17 דערהערט 2 שאָסען. ס'איז געוואָרען אַ טומעל און באַלד דערויף האָט מען דערזעהן אין אַ קאַלוזשע בלוט א יונג יודיש מיידעל, וועלכע האָט געשריגען „ראַטעוועט מיך, מ'האָט מיך פערגאַרט און ערמאָרדעט".

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט איז די דער־שאָסענע די 25־יעהריגע יוטע האַלפערין פון ביאַ־ליסטאָק, אין אַ גוססדיגען צושטאַנד האָט מען זי אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל. זי האָט נאָר בעוויזען צו זאָגען, אַז 2 יונגעלייט האָבען אויף איהר געשאָסען, דאַן האָט זי פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין, מ'רע־כענט, אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט אַ פּאָליטישען מאָרד.

רעזולטאַט פון די וואַהלען אין פּלאָצק

2 — ב. ב.; 2 — צענטראָלעוו; 1 — ענדעק

פּלאָצק, 22. (טעלעפאָניש). היינט 12 אַ זייגער בייטאָג זענען פערעפענטליכט געוואָרען די רע־זולטאַטען צו די וואַהלען אין פּלאָצקער קרייז, ליסטע נומער 1 (ב.־ב.) האָט בעקומען 48750 שטימען, ליסטע 4 — ענדעקעס 31397 שטימען, און נומער 7 — צענטראָלעוו 49736 שטימען אַזוי־אַרום האָבען בעקומען מאַנדאַטען: ב. ב. 2 פריהער אויך 2), צענטראָלעוו 2 (פריהער 3 מאַנ־דאַטען), און ענדעקעס 1 (פריהער געווען גאָפּסלט). אַזוי־אַרום איז דעפּ. ניעדזשאַלקאָווסקי פון פּ.פּ.ס. צוריק אַריין אין סיים.

אָפּגעוואָרפען די אַנקלאַגע

געגען דער גילטיגקייט פון די וואַהלען אין פּויזען

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש). היינט איז אין העכסטען געריכט בעטראַכט געוואָרען די אַנקלאַגע פון דער סאַנאַציע געגען די וואַהלען צום סיים אין דער שטאָט פּויזען. די אַנקלאַגע איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

ריזיגע שׂרפה אין א פּאָרט

ניו־יאָרק, 22 (טו). אין פּאָרט פון סט. זשאָן (קאַנאַדע) איז אויסגעבראָכען א ריזיגע שׂרפה. גרויסע לאַגערן פון תבואה און פיל שיפען, וואָס זענען געשטאַנען אין האַפען זענען געוואָרען א רויב פון די פלאַמען, אויף דעם דאַמפער „עמפּרעס" איז פאָרגעקומען, צוליב דער שׂרפה, אַן אויפרייס אין עטליכע מענשען זענען אומגעקומען. דער שאָדען בעטרעפט פיל מיליאָנען דאָלאַר.

פּראָפעסיאָנעלער אינטערנאַ־ציאָנאַל

וועט דעמאָנסטרירען פאַר שלום

גענף, 22 (טו). זונטאָג איז פאָרגעקומען א זיצונג פון סאָציאַליסטישען פּראָפעסיאָנעלען אינ־טערנאַציאָנאַל. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען איינצו־אָרדנען אין אַלע לענדער גרויסע דעמאָנסטראַציעס בעת די בעראַטונגען וועגען ענטוואָפנונג, וועלכע וועלען פאָרקומען אין פעלקער־בונד. די קאָנפערענץ האָט אויך אַרויסגעשטעלט קאָנקרעטע פאָרשלאָגען בנוגע דער ענטוואָפנונג.

בלוטיג געשעהעניש אין וואַרשאווער געריכט

אַרעסטאַנט פערוואונדעט 4 פּאָליציאַנטען און ווערט אַליין דערשאָסען

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט). אין שטאָטישען געריכט אין וואַר־שאַ איז היינט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס געגען אַ גע־וויסען יאַן קראַשינסקי, ער איז פערמשפּט געוואָ־רען אויף 6 חדשים תפיסה און דער ריכטער האָט פעראָרדענט איהם באַלד צו אַרעסטירען.

דאָס האָט אַזוי אויפגערעגט דעם פערמשפּטען אַז ער האָט זיך געוואָרפען אויף די פּאָליציאַנטען וועלכע האָבען איהם געוואָלט פערהאַלטען ביי איי־נעם פון זיי האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם שטילעט, און מיט איהם ערנסט פערוואונדעט 4 פּאָליציאַנ־טען, איינער פון די פּאָליציאַנטען האָט אויסגע־שאָסען און שווער פערוואונדעט קראַשינסקין אין בויך, אין אַ שווערען צושטאַנד איז ער אָפּגעפיהרט געוואָרען אין יודישען שפּיטאָל.

שווערער שטורם אין לעמבערג

לעמבערג, 22. (ספּ. טעל.) אויף דער צפון־זייט פון לעמבערג האָט נעכטען געבושעוועט אַ גע־וואַלדיגער הוראַגאַן.

נעבען דער סטאַציע דאָמאַזשיר, 15 קילאָמעטער פון לעמבערג האָט דער שטורעם אָפּגעריסען פון אַ משא־צוג דעם לעצטען וואַגאָן און איהם אומגע־וואָרפען. דער שטורעם האָט געמאַכט גרויסע שאָ־דענס.

דער לאָדזער יוד ניימאַן

פּוילישער געזאַנדטער אין אָסלאָ

וואַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש). היינט איז אונ־טערגעשריבען געוואָרען די נאָמינאַציע פון ראַט פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז וולאַדיסלאַוו ניימאַן אַלס פּוילישער געזאַנדטער אין אָסלאָ. ניי־מאַן איז אַ זוהן פון לאָדזער בירגער גרשון ניימאַן.

מפּלה פון די רעגירונגס־פּאַרטייען

בעת די פּאַרלאַמענט־וואַהלען אין בולגאַריען

סאָפיאַ, 22. (ספּ. טעל.) די זונטאָגדיגע וואַה־לען צום פּאַרלאַמענט האָבען טראָץ אַלע פּאַראויס־זעהונגען געבראַכט אַ מפּלה די רעגירונגס־פּאַר־טייען.

עס האָט געזיגט דער בירגערליך - פּויערישער בלאָק פון דעמאָקראַטען און לאַנדווירטען, וועלכע געהערען איצט צו דער אָפּאָזיציע.

אויך די קאָמוניסטען האָבען אָפּגעהאַלטען אַ נצחון, אין נייעם פּאַרלאַמענט וועלען זיי האָבען 3 מאָל מעהר דעפּוטאַטען ווי אין פריהערדיגען.

אַכטונג, קירזשנער־מייסטער,

וועלכע אַרבייטען פאַר קאָנפעקציאָנערען!

דערמיט ווערט איהר אויפגעפאָדערט צו קומען אויף דער היינטיגער

פערזאַמלונג

וואָס קומט פאָר 7.30 אָוועגד אין אייגענעם לאָקאַל זאוואַדזקא 4.

צוליב די נאָהוטקייט פון סעזאָן, טאָר קיינער נישט פעהלען.

מיט אַכטונג

די פאַך־קאָמיסיע

ביים קירזשנער־צעך.

2527

אָרנן

יעדען קוואַנטום צו ביליגע פּרייזען ליפערט

Południowa 22

טעל. 191-26 און 190-48

יודען, היט אייך פאַר טרפות!

אויף פאָלגענדע שטעלען טאָר מען נישט לאָזען שחט'ן 1) לימאַנאָווסקאַ 10 (עלעקטראָווניאַ) ; 2) קעלבאַך 14 ; 3) לאַגיעווניצקאַ 17 ; 4) מלי־נאַרסקאַ 9. ווער עס איז נכשל געוואָרען פון דער שחיטה אויף די אויבענ־דערמאָהנטע ערטער, דאַרף פרעגען אַ שאלה אויף די כלים, אויף די איינציגע שטעל מעג מען שחט'ן אין באַלוט צעגלאַנאַ 12.

לאָדזער ראַבינאַט עם ועד הכשרות.

Dr. med. B. FROM

ספּעציאַל ארצט

פאַר אַקושער־ און פרויען־קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

ZAWADZKA 46, telef. 142-61

נעהמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 7 ביז 8 אָווענר.

די גרעסטע פאליטישע סענסאציע

איז פרעזידענט הובערס פארשלאג וועגן מאראטאריום פאר דייטשלאנד

װאַרשאַ, 22. (טעלעפאָניש). די סענסאַציאַנעלע איניציאַטיוו פון פרעזידענט הובער וועגן איין־יעהריגען מאָראַטאָריום פאַר די אויסלענדישע חובות האָט אויך אַ גרויסע בעדייטונג פאַר פוילען.

די אַמעריקאַנער רעגירונג לעגט פאַר אָפּצו־לעגען אויף אַ יאָהר צייט אַלע אָפּצאָהלען, וואָס דריגען אַרויס פון די חוב־פערפליכטונגען פון די בעזונדערע מלוכות, ענטשעדיגונגס־אָפּצאָהלען און די חובות, וואָס זענען גענומען געוואָרען אויף אויפ־בוי־צוועקען. דער מאָראַטאָריום איז חל אויפ׳ן עצם חוב און אויך פון די פראַצענטער.

כדי די אַמעריקאַנער פראָפּאָזיציע זאָל רעאַ־ליזירט ווערען מוז זיין קודם־כל די הסכמה פון פראַנקרייך, וועלכער ס׳קומט פון דייטשלאַנד כמעט 2 מאָל אַזויפיל, וויפיל פראַנקרייך איז שולדיג אַ־מעריקא, און ענגלאַנד.

מ׳רעכענט אַז פראַנקרייך, וועט פאָדערן, אַז די הנחות וואָס דייטשלאַנד בעקומט זאָלען נישט אויס־גענוצט ווערען אויף צו בויען פאַנצער־שיפען אָ־דער מאַכען אַנדערע בעוואָפענונגען.

דער מאָראַטאָריום, אויב ער וועט בעשטעטיגט ווערען דורך די איבעריגע מלוכות וועט גילטיג זיין שוין פון 1 יולי 1931 ביז׳ן 1 יולי 1932.

איז פראנקרייך איז מען נישט צופרידען

פאַריז, 22. (ספּ. טעל.) דער זשעסט פון פרעזידענט הובער האָט נישט שטאַרק אויסגענוצט אין דער פראַנצויזישער פרעסע.

די צייטונגען בעטאָנען אַז פראַנקרייך, דאַרף בעצאָהלען די ברייטוויליגקייט פון אַמעריקא און דעם ווילען צו קומען צו הילף דייטשלאַנד, ווייל פראַנקרייך, דאַרף בעקומען אַ בעדייטענדען טייל פון די סומען, וועלכע קומען פון דייטשלאַנד אַלס ענטשעדיגונג.

די צייטונגען האַלטען, אַז די אונבעדינגטע צאָהלונגען פון דייטשלאַנד מוזען ווייטער נאָרמאַל פאָר־קומען, ווייל פון די געלדער בויט פראַנקרייך צוריק אויס די חורבות וואָס זענען בעת דער מלחמה געמאַכט געוואָרען דורך דייטשלאַנד אין פראַנקרייך.

די פראַנצויזישע רעגירונג האָט נאָך נישט אָנ־גענומען קיין אָפיציעלע שטעלונג צו דער אַמעריקאַ־נישער פראָפּאָזיציע.

פוילען וועט געניסען

בערלין, 22. (טו). אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזען בעטאָנט מען, אַז דער פּראָיעקט פון הו־בערס מאָראַטאָריום בעהמט אַרום אַלע מלחמה־חובות און אויך הער חוב פון פוילען לגבי אַמעריקא, וועלכער בעטרעפט 6 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

וויפיל דארף דייטשלאנד צאלען א יאהר

בערלין, 22. (ספּ. טעל.) אויב דער פּראָיעקט פון הובער׳ן, וועט רעאַליזירט ווערען וועלען די דייטשען שוין פון 1 יולי 1931 אויפהערען צו צאָהלען די אָפּצאָהלונגען פון יאָנג־פּלאַן. אַ חוץ די פּריוואַט־ווירטשאַפטליכע חובות, די סומע וואָס דייטשלאַנד דאַרף צאָהלען היי־יאָהר בעטרעפט — 1.618,900.000 מאַרק און ווערט פערטיילט אויף בעלגיען איבער 102 מיליאָן, ענגלאַנד 362 מיליאָן, פראַנקרייך 838 מיליאָן, איטאַליען 190 מיליאָן, יוגאָסלאַוויען 79 מיליאָן, און אַנדערע מלוכות 20 מיליאָן.

די בערלינער פרעסע איז בעגייסטערט פון פרעזידענט הובער׳ס איניציאַטיוו. די דייטשע רעגי־רונג וויל אויסנוצען איהר ערפאָלג צו אינערליך־פּאָליטישע צוועקען. מ׳האָפט אין דייטשלאַנד אַז צוליב׳ן מאָראַטאָריום וועט פאַלען די אַרבייטסלאָזיג־קייט און די פּרייזען וועלען פאַלען.

אַ חוץ דעם מאָראַטאָריום זאָל נאָך די דייטשע רייכסבאַנק בעקומען אַ הלוואה פון אַמעריקא אין דער הויך פון 300 מיליאָן דאָלאַר.

וואס זאגט מען איז ענגלאנד?

לאָנדאָן, 22. (טו). דער אַמעריקאַנישער פי־נאַנץ־מיניסטער מעלאָן וועלכער ווײלט איצט אין לאָנדאָן, האָט אויף דער פראַגע וואָס ער טראַכט וועגען הובערס פּראָיעקט געענטפערט: „דאָס איז אַ גוטע ידיעה“.

מאַקדאָנאַלד האָט ערקלערט, אַז פאַר אַרויס־זאָגען זיין מיינונג וועגען הובערס פּלאַן מוז ער זיך פערנעהמען מיט דער דיפּלאָמאַטישער זייט פון דער פראַגע.

לאיד דזשאָרדזש איז פשוט ענטציקט פון דעם פאָרשלאַג.

לאָנדאָן, 22. (טו) די ענגלישע רעגירונג האָט מאָנטאָג נאָכמיטאָג אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַפי־שען ענטפער, קיין וואַשינגטאָן אויף דעם הובער־פּראָיעקט. די ענגלישע רעגירונג בעגריסט דעם פּלאַן פון הובער׳ן, און איז מסכים אויף דעם מאָ־ראַטאָריום.

מען מעלדעט אויך פון איטאַליען, אַז די איטאַ־ליענישע רעגירונג איז מסכים מיט׳ן הובער־פּראָ־יעקט.

הינדענבורגס בריף צו הובר׳ן

לאָנדאָן, 22, (טו). ווי מע טיילט דאָ מיט, איז הובערס איניציאַטיוו וועגען מאָראַטאָריום גע־קומען צוליב אַ בריף פון פרעזידענט הינדענבורג, אין דעם בריף האָט הינדענבורג פאָרגעשטעלט די קאַטאַסטראָפאַלע פינאַנציעלע און ווירטשאַפטליכע לאַגע פון דייטשלאַנד.

ניו־יאָרק, 22. (טו). דער פאָרשלאַג פון פרעזידענט הובער דאַרף נאָך בעקומען די צושטי־מונג פון קאָנגרעס, דער פּראָיעקט האָט זעהר פיל אָנהענגער, ער האָט אָבער אויך געגנער.

נייע פעראָרדנונג פון א״י־רעגירונג וועגן באָדן־טראַנזאַקציעס

שטעהט אין סתירה מיט אנגלאָ־אמעריקאנישען א״י־אָפּמאַך

אמעריקאנער ריכטער פאָדערט צוריקצוציהען די פעראָרדנונג אַלס נישט געזעצליכע

ירושלים, (יט״א) דער אַמעריקאַנער ריכ־טער בערנאַרד אַ. ראָזענבלאַט וואָס ווײלט איצט אין חיפה, האָט איבערגעשיקט דער רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאַטען אַ בריף אין וועלכען ער אַנאַ־ליזירט די לעצטע פעראָרדנונג פון דער א״י־רעגי־רונג (פון 29־טען מאַי ה.י.) וועגען די פאָרשריפ־טען פון ערד־איינקויף אין א״י און בעווייזט אַז זיי שטעהען אין סתירה מיט דעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנישען אָפּמאַך וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען דעם 3־טען דעצעמבער 1925.

אַ קאָפּיע פון זיין בריף צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ריכטער ראָזענבלאַט איבערגעשיקט דעם הויך־קאָמיסאַר פון א״י סער טשענסעלאָר.

אין זיין בריף צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג ווייזט אָן ריכטער ראָזענבלאַט אויף דער נויטווענ־דיגקייט אָנצוהויבען אַ יורידישע אַקציע, אין רע־זולטאַט פון וועלכער עס זאָלען צוריקגעשטעלט ווערען די בעדינגונגען פון א״י־אָפּמאַך, צווישעןביידע מלוכות.

אין די איינצעלהייטען ווייזט אָן ריכטער ראָזענ־בלאַט בעזונדערס אויף דער איבערטריבענער צו־געאיילטקייט מיט וועלכער דאָס געזעץ איז פער־עפענטליכט געוואָרען און פאַר וועלכען עס איז זאָ־גאַר נישט געגעבען געוואָרען דער געוועהנליכער טערמין פון 30 טעג פאַר אַן עפענטליכער דיסקוסיע.

דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער אָפּמאַך וועגען א״י צו וועלכען עס איז אויך בייגעלעגט די איינלייטונג צום א״י־מאַנדאַט, ענטהאַלט אין אַ געוויסען זין די יסודות פון דער א״י־קאָנסטיטוציע, יעדע געזעצ־ליכע בעשטימונג, וואָס זאָל שטעהען אין סתירה מיט אַ וועלכען עס איז פונקט פון דעם אָפּמאַך קען אויף זיין יסוד בעטראַכט ווערע ןאַלס נישט־עקזיסטירענד און בטל.

בײַ מידיקייט, נערייצקייט, מוראַנעפּיל

שלאָפלאָזיגקייט, ברוסט־דרוק, בערוהיגט דאָס נאַטירליכע ביטערוואַסער

Franciszka Józefa

צו בעקומען אין אַלע אַפּטייקען און קלאָר־אָפּטעקען.

לאָדזשער שטאָט־טעאַטער

גאַסטראָלן פון דער **ווילנער טרופּע**

XVI יאָר. 15־יעריקער יובל־טורנע אַנפ. מ. מזאה.

היינט, דינסטאָג, דעם 23־טען, 9 אָוונד – נאָר איינאיינציג מאָל

דער סוחר פון ווענעדיג (שיילאָק)

פון וו. שעקספּיר מיט **א. סאַמבערג** אַלס שיילאָק; **מרים אָרלעסקאַ**—פּאָרציאַ;

שמואל לאַנדוי – אַנטאָניאָ. **שמחה נאַטאַן** – אַלטער גאַבאַ. יודען און נעגער.

אינסצ. און רעזשי: **ד״ר מיכאל ווייכערט.** דעקאָראַציעס: **וו. ווײַנטרויב.** מוזיק: **ה. קאָן.**

מאָרגן, מיטוואָך, ד. 24־טען, 9 אָוונד צום 8־טען מאָל **„שוואַרצע געטאָ“** פון יודזשין אָ׳ניעל.

דאָנערשטאָג, דעם 25־טען, 9 אָוונד נאָר איין מאָל **ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק** פון י. ל. פּרץ מיט **א. סאַמבערג** – אַלס „לץ“.

ערשטע רשימה פון די זוכי־בגורל

פון אונזער גרויסע פריהלינגס־פּרעמיע־קאָנקורס

1) 1 פּאַטעפאָן, ה. בערגמאַן, קעלבאַך־גאַס 12

פון דער באַוואוסטער פירמע **L. Friedland** Cegielniana 15.

2) 1 פּאָר דאַמען־לעדער־שיך מ. זאַנאַבענד, באָזאָרנאַ 8
3) 1 „ „ „ „ הערשל ראָזענבוים, זאַווישאַ 28
4) 1 „ דאַמען־זומער־שיך ש. נאַפּאַרסטעק וועסאָלאַ 4
5) 1 „ „ „ „ ב. בוכבינדער פּילסודסקי 27

פון קאָנפעקציאָנס־פאַבריק **„POLONIA“** Jerzego 11.

6) 1/4 טוץ פאָטאָגראַפיעס, מ. זיסמאַן זאַכאָדניאַ 34
7) 1/4 „ „ נ. צוקערמאַן, קאָנסטאַנ. 48
8) 1/4 „ „ חיים זילבערבערג זאַקאָנטנאַ 17
9) 1/4 „ „ נח עפּשטיין, גדאַנסקאַ 14
10) 1/4 „ „ אַבראַם לענקאָווסקי נאָוואָם. 12
11) 1/4 „ „ מ. פּרושינאָווסקי, שענק. 39
12) 1/4 „ „ י. נאָוואַרסקי, אַנדזשעיאַ 39
13) 1/4 „ „ ישראל פּולווערמאַכער גרינער מאַרק 6
14) 1/4 „ „ גאָלדע עפּשטיין, אַלעקסאַנדריסקאַ 17
15) 1/4 „ „ א. ניעכטשיצקי, מלינאַרסקאַ 15

16) 1 פּאָר דיוואַנקעס, א. שפּירא ספּאַצעראָוואַ 3
17) „ „ ש. באַלבער, זגערזשער 66
18) 1 טיש־דעק, י. שאַלאַדאַיעווסקי נ.־זגערסקאַ 4
19) 1 „ „ ר. בערכהאָלץ מלינאַרסקאַ 11

20) 1 מענער־הוט, מ׳ וואָלף, לימאַנאָווסקיעגאָ 24
21) 1 מענער־הוט, ש. פּשעדבאָרסקי פּולנאָצ׳א 22
22) 1 מענערהוט, קאָפּל בעולינער, פּאַרגאָוואָ 38

23) 1 בוך פּעליקס קאָשיוואַדא, פּשעיאַזד 66
24) 1 „ י. קאָוואַל, פּאָמאָרסקאַ 95
25) 1 „ ע. ראָזענבוים, וואָלטשאַנסקאַ 161
26) 1 „ פ. מיעדזשינסקי, פּל. קאָשטשושקי 10 (קאָנסטאַנטין)
27) 1 „ י. מ. אַרבוס, פּאָמאָרסקאַ 55
28) 2 בילעטען אין קינאָ „קאַפּיטאָל“ ס. בירנ־צווייג, קאַלענבאַך 4
29) 2 „ „ „ „קאַפּיטאָל“, ערזשאַ האַניגמאַן, גלובנאַ 42
30) 2 „ „ „ „קאַפּיטאָל“, רייטענבערג פּיעטריקאָווער 80
31) 2 „ „ „ „קאַפּיטאָל“, ליפּמאַן ציטרינאָווסקי, נאָוואָ זאַזשעווסקאַ 5
32) 2 בילעטען אין קינאָ „קאַפּיטאָל“ אַבראַם מענ־דעל ערדינאַס, פּילסודסקאַ 9
33) 2 בילעטען אין קינאָ „קאַפּיטאָל“, שלמה לויפער אָגראָדאָוואַ 8
34) 2 בילעטען אין קינאָ „קאַפּיטאָל“ י. זיסמאַן, זשעלאַנאַ 41
35) 2 „ „ „ בראָניאַ כאַזאַצקאַ, נאַרוטאָוויטשאַ 41

36) 2 בילעטען אין קינאָ „קאַפּיטאָל“ שידלאָווסקי צעגעלניאַנאַ 4
37) 2 „ „ מ. כוואַט, פּיעטרק. 92
38) 1 בילד פראַניאַ מילער, גלובנאַ 42
39) 1 בילד א. יודקעוויטש. אַנדזשעיאַ 56
40) 1 בילד שאָטלאַנר, אַלעקסאַנדריסקאַ 16.

41) 1 פלאַש קעלנישוואַסער י. ש. גאָלדמאַן, זגערזשער 12,
42) 1 „ „ י. גרינפּאַגעל בזשע־זשינער 22,
43) 1 „ „ טישלער נאָוואָמיעסקאַ 30
44) 1 „ „ דוד גאָלדשטיין וואָל־באָרסקאַ 18.
45) 1 „ „ פּאָלאַקעוויטש נאָוואַקאַ 21
46) 2 שט. טואַלעט־זייף העלאַ מאַנגעל נאָוראָט 11
47) 2 „ „ „ יענקעל סטאַשעווסקי נאָוואָ טאַרגאָוואַ 8
48) 2 „ „ „ רוזשאַ הערצקאָוויטש קאַמיענאַ 5
49) 2 „ „ „ מרים אָסעלקאַ, בושעזשינער 63
50) 2 „ „ „ ציגעלבערג קאָנסטאַנטינער 31

די אַלע זוכי בגורל ווערען געבעטען צו קומען אין אונזער אַדמיניסטראַציע אָבצונעמען די געווינסטן דינסטאָג דעם 30/6 ד.י. פון 3–7 נאָכמיטאָג

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 23 יוני 1931

וואס שטילער אין גענף — אלץ הילכיגער איז באזעל

דעפוטאט י. טאן שרייבט וועגען דער לעצטער סעסיע פון דער מאנדאט-קאמיסיע:

מיר מוזען זיך עס נאכאנאנד איבערחזר'ן און האבען עס שטענדיג פאר די אויגען אלס יסוד, אז די פעלקער-ליגע איז נישט קיין געריכט, וואס גיט ארויס אורטיילען, נאר גיכער א שידס-געריכט. אזא געריכט, וואס אורטיילט אין פערען אין האאג, הגם אויך דארט איז עס נישט פאלקאם. אין גענף קומט מען אדורך און דערפאר הערט מען דארט מייסטענס שעפטשען און מ'זעהט אויף די ליפען א שמייכעל.

פאראיאהרען האט זיך די מאנדאט-קאמיסיע געביינזערט אויף די נישט איבערצייגענע ערקלערונגען פון לוק און האט דייטליך זיך געביינזערט אויף די איבערצייגענדע מעשים זיינע. ענגלאנד האט דאן געמוזט אויסהערען עטליכע נישט אנגענעהמע ווערטער און אויפנעמען א רייה שארפע — לויט די גענפער פערהעלטנישען — אנווייזונגען. ענגלאנד איז בייז געווארען אבער הענדערסאן איז געווען קלוג, כדי צו בעהאלטען זיין רעכט דארט, וואו ער האט נישט קיין גענוגענדען כח און האט געמאכט א שעהנע מינע: ענגלאנד האט זיך טיילווייז מודה-געווען אין די בעגאנגענע טעותים און צוגעזאגט זיי צו פערבעסערן און די מאנדאט-קאמיסיע האט געמאכט דעם אנשטעל, אז זי גלויבט און אזוי ארום האט זיך אלץ אין א גוטען אופן פערענדיגט. נאר ענגלאנד האט איהר הבטחה נישט אויסגעפיהרט.

היינטיגס יאהר איז דארט שטיל. קיין ווארט רייסט זיך נישט ארויס פון פערשלאסענעם בעראטונגס-זאל. דר. שילס שפילט דארט זעהט אויס די הויפט-פידעל. ער האלט זיך און ווערט — זעהט אויס — געהאלטען פאר'ן אויטאריטעטען קענער פון די פאלעסטינער ענינים — ער איז דאך געווען אין לאנד און האט אלץ אליין געזעהען. אין דער מאנדאט-קאמיסיע איז נישטא קיינער, וואס זאל איהם זאגען, אז ער האט אין א"י געהאט פערשטעלטע אויגען און נישט אלץ געזעהן; אז ער האט נישט געהאט די ביסטיגע פארבערייטונג צו דערקענען דאס לאנד און די מענשען. ער האט אפילו נישט געקענט גוט בעקענען זיך מיט דעם דארטיגען באאמטען-אפאראט.

אבער שילס האט זיך גענומען אלס אפוועהר מאקדאנאלדס בריף און פערטיידיגט זיך מיט איהם נעגען אלע פאלען. ער פיהרט זיין פארטראג וועגען דער דאפעלטקייט פונ'ם מאנדאט, און ס'איז ביי איהם א ריין סוביעקטיווער ענין, וועלכער טייל איז דער הויפט און וועלכער איז א זייטיגער, שווער צו זאגען אויב ער האט דארט איבערצייגט, אבער ער האט בעהערשט די לאגע און אין גענף איז — שטיל.

און אויב אין גענף איז שטיל, וואס דארף זיין אין באזעל?

איך האלט, אז וואס שטילער ס'איז אין גענף, אלץ הילכיגער מוז זיין אין באזעל. נישט איינער פון אונז, און גם אני בתוכם, האט זיך געטרייסט אז קיין באזעל וועלען מיר קומען מיט א באגאזש פון גענף. ס'האט זיך געגלויבט, אז דער הויכער מעראפאג וועט דאך זאגען א הויך ווארט און וועט דערמאנען ענגלאנד, אז זי זאל געהן אויף א גלייכען וועג און נישט מאכען קיין זיגזאגען.

זייט 2 יאהר געהט אזא פאליטיק פון דער ארבייטער-רעגירונג בנוגע א"י. אויסבעהאלטען, האקעלדיג, מיט אויסגעשפראכען שלעכטע כוונות.

מיר האבען אויף דעם ענגלישען ווארט געבויט אונזער מענשליכע צוקונפט און האבען נישט קיין געדולד אויף א שפיל פון א שריט פאראויס און צוויי שריט צוריק. מיר האבען פאר זיך א קלארען ציל און דעם קירצסטען וועג — דעם גלייכען: דאס שנעלסטע אויפבוי פון אונזער נאציאנאלער היים. ווער ס'שטערט אונז דערין, דער שטעלט אין געפאהר אונזער גאנצען נאציאנאלען קיום.

ווער ווייסט? אפשר ביי דעם אלעם, ווייסט נישט גענף און דערפאלגט נישט. באזעל מוז עס זאגען, אבער אלץ טאקע ביז צום לעצטען טראפען, אלץ זאגען.

אין גענף איז שטיל, שוין צו שטיל, אין באזעל מוז עס זיין הילכיג, אבער נישט צו הילכיג — אהן קריטעריי — שטארק און ענטשלאסען!

—ooo—

א יוד. וועלט-קאנגרעס מוז גערופען ווערען

די איניציאטיוו פון יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס. — דער געדאנק איז צייטיג. — וועלט-קאנגרעס און ציוניזם. — אויסזיכטען פאר דער אראבער-פראגע. — צענטראליזאציע און ראציאנאליזאציע. — די ראל פון אמעריקאנער יודישען קבוץ

וארשא (יט"א) דער פיהרענדער יודישער זשורנאליסט און ציוניסטישער טוער פון אמעריקא ה' אב. גאלדבערג האט ערטיילט דעם פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור אנ'אינטערוויו, אין משך פון וועלכען ער האט זיך ארויסגעזאגט וועגען דעם פראיעקט צונויפצורופען א יודישען וועלט-קאנגרעס. ווי בעקאנט האט דער אמעריקאניש-יודישער קאנגרעס בעשלאסען אין יולי ה. י. ארגאניזירען אין באזעל א גרויסע בעראטונג פון יודישע פאליטיקער און געזעלשאפטליכע טוער, אויף וועלכער עס זאל אויספיהרליך בעהאנדעלט ווערען די צוועקמעסיגקייט און מעגליכקייט פון א יודישען וועלט-קאנגרעס. ה' אב. גאלדבערג האלט אויך צו דעם צוועק אב דינסטאג א בעראטונג מיט איינגע צעהנדליג בעקאנטע פערזענליכקייטען פון פוילישען יודענטום.

אויף דער ווארשאווער בעראטונג, ערקלערט ה' גאלדבערג דעם יט"א-פארשטעהער, האב איך בדעה, אלס שליח-מיוחד פון יודיש-אמעריקאנער קאנגרעס אויסהערען די מיינונגען פון די פיהרער פון פוילישען יודענטום אין דער פראגע פון א יודישען וועלט-קאנגרעס. איך האלט, אז דער פאקט, דאס דער פראיעקט וועגען א יודישען וועלט-קאנגרעס איז גלייכצייטיג אויפגעשוואומען אין פערשידענע ערטער (ניו-יארק, בערלין), איז א בעוויז, אז דער געדאנק איז געווארען צייטיג אין דער יודישער וועלט, מיר זענען בעקאנט די בעווארענישען, וואס ווערען געמאכט פון פערשידענע זייטען. מיר, אמעריקאנער ציוניסטען, ווייסען אויך וועגען דעם, אז פיל אלטע, טרייע ציוניסטען האבען חששות וועגען דעם פראיעקט. פאר'ן אמעריקאניש-יודישען קאנגרעס שטעהט אבער דאס פראבלעם אין א גאנץ בעשטימטער פלאן. עס קען באין אופן קיין רייד נישט זיין וועגען דעם, אז א יודישער וועלט-קאנגרעס זאל שאפען וועלכע עס איז בעוועגונג, וואס זאל אין דער אדער יענער הינזיכט וועלען קאנקורירען מיט'ן ציוניזם. אדרבה, דער וועלט-קאנגרעס וואלט דעם ציוניזם געשטעלט אין פאדערגרונד פון זיין ארבייט. א וועלט-קאנגרעס, וואס זאל דענקען אנדערש, וואלט געווען א כימערע, א"י איז שוין א פראקטישער יש. אויב מען זאל די א"י-זאך אויסשליסען, וואלט זיך א וועלט-קאנגרעס פערוואנדעלט אין אן אומפרוכטבארע כנסיה, וואס וואלט זיך פערנעהמען מיט גאנץ פראבלעמאטישע זוכענישען פון יודישע אימיגראציע-לענדער וכדומה. ווען מען געהט אבער ארויס פון דער הנחה, אז אין צענטער שטעהט ארץ-ישראל, קענען ארום אט דעם דאזיגען צענטראל פונקט געטון ווערען פיל זאכען, וואס קענען נישט בעהאנדעלט ווערען דורך דעם ציוניסטישען קאנגרעס, אלס אזעלכען. אגב, וואלט עס בכלל געווען אנ'אומזין צו וועלען אויסשליסען דעם ציוניזם, בעת אזא ארגאן, ווי עס דארף ווערען דער וועלט-קאנגרעס, קען דאך וועמען עס איז אנדערש, חוץ ציוניסטען, וועניגסטענס קודם-כל ציוניסטען, נישט געשאפען ווערען.

ארויסגעהענדיג פון דער דאזיגער גרונד-הנחה, ערקלערט ווייטער ה' אב. גאלדבערג, קען מען זיך שוין אין אלגעמיינע ליניען אנצייכענען מעהר ווייניגער דאס פראגראם פון דעם אלגעמיין-יודישען וועלט-ארגאן. ער זאל קאארדינירען די טעטיגקייטען אויף אלע געביטען פון יודישען לעבען. די ארבייט, וואס ווערט איצט געטון דורך די סעפאראט-ווירקענדע און אפט געגענאנאנד-ווירקענדע יודישע געזעלשאפטען און אינסטיטוציעס פון א וועלט פערנעהם, וואלט אין יודישען קאנגרעס בעקומען מעהר צענטראליזאציע און דערמיט אויך — איהר ראציאנאליזאציע. פיל ענערגיע וואלט דא געשפארט געווארען און א גרויסע סכום ארבייט וואלט געטון געווארען אין די ראהמען פון אן איינהייטליכער פלאנמעסיגער אקציע. אהער וואלטען אריינגעקומען אלע זייטען פון דער טעטיגקייט, וואס ווערט געפיהרט סעפאראט דורך „דזשאינט", „ארט", „אזע", כל-ערליי קאלאניזאציע - געזעלשאפטען, עמיגראציע א. אז. וו.

אומקעהרענדיג זיך צום פראבלעם: יודישער וועלט-קאנגרעס — א"י-זאך, דארף מען אויך נישט פערגעסען, אז א וועלט-קאנגרעס וואלט ערשט אפשר געקענט געבען דער יודישער אגענץ די דעמאקראטישע פארמען, וועלכע פעהלען איהר און צוליב וועלכע זי געניסט נאך נישט פון דער פאפולאריטעט אין דער יודישער וועלט, פון וועלכער זי וואלט אפשר געדארפט געניסען. אנ'אנדער זייט פון דעם דאזיגען פראבלעם איז די בעציהונג צו די אראבער. עס איז דאך נישט אויסגעשלאסען, נאר אדרבה מעהר וואהרשיינליך, אז א יודישער וועלט-ארגאן וואלט געקענט ארויסווייזען מעהר ווירקזאמקייט אין דער ריכטונג פון איינשטעלען בעסערע בעציהונגען מיט דער אראבישער וועלט, אפשר נישט בלויז מיט די א"י-אראבער, נאר טאקע מיט'ן פאן-אראביזם. ווער ווייסט, עס איז דאך מעגליך, אז דער פאן-סעמיטיזם זאל זיך גיכער קענען פערשטענדיגען מיט'ן פאן-אראביזם.

עס דארף אויך נישט זיין קיין אבשרעק פאר דעם וועלט-יודענטום, דאס די איניציאטיוו געהט ארויס פון אמעריקע. מען דארף זיך דאך קודם-כל אב געבען א חשבון, אז דאס אמעריקאנער יודענטום — די 4 און א האלב מיליאן יודען אין די פעראייניגטע שטאטען און קאנאדע — זענען דער איינציגער (און דער גרעסטער) יודישער קבוץ אויף דער וועלט, וואס איז פאקטיש ארגאניזירט און פעראייניגט. מיר ווייסען, וואס מען ווארפט אונז אלץ פאר. מען זאגט, אז מיר זענען איבערפלעכליך, אהן א רוקען-ביין, אז אונזערע ציוניסטען זענען קיין ציוניסטען נישט און אפילו אונזערע אסימילאטארען זענען נישט קיין אסימילאטארען. די דאזיגע פארוואורפען נעמען מיר זיך נישט שטארק צום הארצען. אבער דער פאקט בלייבט נישט אבגעפרעגט: דאס אמעריקאנער יודענטום איז דער איינציגער קבוץ, וואס איז ארגאניזירט. און דאס הייסט, אז א קבוץ פון 4 און א האלב מיליאן יודען איז שוין דא אלס א פעסטער חוט-השדרה פאר א יודישער וועלט-ארגאניזאציע. חוץ דעם איז אויך, דאס אמעריקאנער יודענטום בדיעבד [illegible] און פאר-זיך א מין קבוץ-גליות בזעיר-אנפין. וועלכער יודישער קבוץ פון די ארבע פנות העולם איז דען נישט רעפרעזענטירט אין אמעריקאנער יודענטום? נישטא אזא. ווען דאס אמעריקאנער יודענטום וועט דעריבער פרעטענדירען אויף א פיהרענדע ראל אין א יודישען וועלט-קאנגרעס, וועט עס דאך נישט הייסען, אז די איבעריגע יודישע קבוצים וועלען ד אבלייבען הינטערשטעליג: זיי זענען דאך אלע אין אמעריקאנער קבוץ פערטרעטען.

אמאליגע צייטען איז נאך געווען אנ'אנדער מורא צווישען יודען אין אנדערע לענדער. מען האט געמיינט זיך געשראקען, טאמער וועט חלילה דער אמעריקאנער „גאלד-זאק" פערכאפען די הגעמאניע. היינט דארף מען זיך משער זיין, איז שוין די דאזיגע מורא נישט אקטועל. דאס אמעריקאנער יודענטום קומט שוין נישט איצט מיט'ן כוח פון זיין געלד, וואס איז שוין אזוי גאר קיין כוח נישט. דער יודישער קבוץ אין אמעריקע פערמאגט אבער פיל יונגע, נישט אויסגענוצטע כוחות, וועלכע קענען אוטיליזירט ווערען פאר דעם וואויל פון יודישען פאלק. און עס איז א גורל-גליק, וואס דאס אמעריקאנער יודענטום איז נישט אזוי רעליגיעז-ליבעראל, ווי דער דייטשער ישוב, און נישט אזוי קאנסערוואטיוו, ווי דער פוילישער, דער אמעריקאנער יודישער קבוץ דערנעהנטערט זיך אלץ מעהר צו דעם טיפ, וועלכען עס האט אמאל געגעבען שפאניען דעם יודישען לעבען: א גליקליכער אמאלגאמאט פון ליבעראליזם און קאנסערוואטיזם.

מען דארף, פערשטעהט זיך, ערקלערט לסוף ה' אב. גאלדבערג, נישט מאכען זיך קיין צו גרויסע אילוזיעס וועגען דעם יודישען וועלט-קאנגרעס. עס וואלט געווען נאאיוו און איבערגעטריבען צו ערווארטען פון איהם ישועות-ונחמות שוין ווען ער וועט שטעלען זיינע ערשטע טריט. אבער די צייט איז א גוטער לעהרער, און מיט דער צייט קען ער זיך געשטאלטען אין א מעכטיגען ארגאן פון וועלט-יודענטום. אויסדויער און גוטער ווילען וועלען נישט פערפעהלען צו האבען זייער ווירקונג. דער עיקר איז אבער, וואס די צייט דערצו איז רייף. די יודישע פראגע שטעהט פאר דער וועלט ווי א שארף-אנגעצייכענט וועלט-פראבלעם. דעריבער טאר די געלעגענהייט נישט פערפאסט ווערען — און די פרוכטען וועלען מוזען קומען.

דער קריזיס פון דער קרעדיט-אנשטאלט

וואס האט אומגעווארפען דעם עסטרייכישען קאבינעט

(א בריף פון וויען)

די עסטרייכישע רעגירונג האט נישט געקענט ערלעדיגען דעם ענין מיט דער קרעדיט אנשטאלט און האט געמוזט דימיסיאנירען. אייגענטליך קיין רעגירונג איז שוין בכלל נישט געווען. ס'איז אויסגעקומען ווי אין היידענס געזעגנונגס-סימפאניע — איינער נאכ'ן אנדערען פערלאזען די מוזיקער דעם פולט. די רעגירונג פון ענדער האט איבערגענומען די לייטונג מיט 10 מיניסטארען, אלס ערשטער איז אפגעטראטען דער מיניסטער פאר סאציאלע ענינים, נאך איהם איז ארויסגעטראטען דער יוסטיץ-מיניסטער ד"ר שיכף, זיין ביישפיל האט נאכגעטון דער קריגס מיניסטער וואגואן און צום סוף איז אויך ארויסגעטראטען פון קאבינעט דער אינערן-מיניסטער וויעקלער, ווייל דער לאנדעס בונד איז נישט מסכים געווען מיט זיין פארשלאג אז די רעגירונג זאל איבערנעמען די פולע גאראנטיע פאר דער קרעדיט-אנשטאלט, נאכדעם איז שוין פאר דער רעגירונג נישט געבליבען קיין אנדער ברירה ווי צו דימיסיאנירען און דוקא אין דעם טאג ווען ס'האט ארויסגעשיינט א מעגליכקייט פון א נארמאלער ענטוויקלונג פאר דער צוקונפט. ס'איז איצט געלונגען צו געפינען א לעזונג, וואס גיט רעכט צו דערווארטען אז נאך דער קאטאסטראפע מיט דער קרעדיט אנשטאלט וועט מען קענען אנהויבען א נארמאלע ווידער אויפבוי ארבייט.

ס'איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען די גאראנטיע וועלכע די עסטרייכישע רעגירונג האט איבערגענומען פאר דער קרעדיט-אנשטאלט: 500 מיליאן שילינג וועלכע די קרעדיט אנשטאלט האט זיך געבארגט אין אויסלאנד, 120 מיליאן וועקסעל קרעדיט וואס די קרעדיט אנשטאלט האט אין דער עסטרייכישער באנק 200—300 מיליאן פקדונות פון די אמאליגע עסטרייכישע שפאר קאסעס, און ארום 50 מיליאן נייע פקדונות צוזאמען בעטרעפט די אבליגא אנ'ערך 150 מיליאן דאלאר, ד. ה. אנ'ערך א העלפט פון עסטרייכישען יאהר-בודזשעט, דאס איז נישט קיין קליינע סומע, אבער די קרעדיט אנשטאלט איז דערכדעם גאראנטירט געווארען און מ'וועט איצט קענען זי אדער ליקווידירען, אדער ביסלעכווייז זי צו פערקלענערען.

די קרעדיט אנשטאלט האט א טרייסעל געטון מיט גאנץ עסטרייך און ס'האט געקענט קומען צו א באנקראט פון דער מלוכה און צו דעם איינברעכען פון דער עסטרייכישער וואלוטע. א פאניק, אמת א פאריבערגעהענדע האט בעהערשט דעם עולם, ווען ס'האט זיך פערשפרייט די ידיעה וועגען די שוועריגקייטען ביים ליקווידירען די קרעדיט-אנשטאלט. א וואך צייט האט מען טאג נאך טאג אויסגעטוישט צו 20 און 25 מיליאן שילינג אויף אויסלענדישע וואלוטע, ס'זענען געווען מאמענטען, ווען מ'האט קיין פונטען און דאלארען בכלל נישט געקענט בעקומען און פראנצויזישע פראנקען האט מען געגעבען א העלפט וויפיל מ'האט געפאדערט.

אין דעם גרעסטען פאניק טאג האט מען פון די בענק אין עסטרייך ארויסגעצויגען 60 מיליאן שילינג אין איין טאג און דאס אלץ געטוישט אויף אויסלענדישע וואלוטע. אין די שווייצארישע בענק איז געווען אזא אנלויף פון פקדונות, אז פאר פקדונות האבען די בענק נישט נאר נישט געצאהלט קיין צינזען, נאר אפילו פערלאנגט אנ'אפצאהל פאר בעוואהרען דאס געלד אין א זיכערען ארט.

אין דער שווייץ שטיקט מען זיך מיט איבערפליסיג געלד און אין עסטרייך און דייטשלאנד פעהלען קאפיטאלען און דאס קען ברענגען צו פאטאלע פאלגען. די נערוועזיטעט אין דער עסטרייכישער געזעלשאפט איז בעוואקסען געוואלדיג און ס'האט ממש א גליק פאסירט, וואס די רעגירונג האט דימיסיאנירט ערשט דאן, ווען דער אפמאך וועגען דעם אופן פון ליקווידירען די קרעדיט-אנשטאלט איז שוין געווען געשלאסען און די דירעקטע געפאהר פאר די קרעדיטארען איז פאראיבער.

ס'איז אויסגעמיטען געווארען א קאטאסטראפע!

דר. א. דייטש.

Dr. med. N. ROZEN

צאהן-כירורג

קראנקהייטען פון ציין, דזיאנסלעס, גימען א.א.וו.

ציינען-רעגולירונג, רענטגען-דיאגנאסטיק.

אנדזשעיא 7, טעל. 216-57

עמפפאנגס-שטונדען, פון 3—7 נאכמ.

בערען אלס שפיאנען

דעמאסקירט א באנדע ציגיינער אויף די קרעסען

ווילנא, 22. (ספ. טעל.) זייט א געוויסער צייט האט זיך אין ווילנער קאנט געשלעפט א באנדע ציגיינער, וועלכע האבען טרעסירט עטליכע בערען. די באנדע האט אויך בעזוכט די שטאט ווילנא, אבער אויפ'ן בעפעהל פון סטאראסטא האבען די ציגיינער געמוזט פערלאזען די שטאט.

איצט האט זיך די זעלבע באנדע בעוויזען אין סטאלפצי, זייער אויפפיהרונג איז פארגעקומען פערדעכטיג און מ'האט זיי אנגעהויבען צו אבסערווירען. דער מאכט האט זיך אויסגעדויכט, אז די ציגיינער פערנעהמען זיך מיט שפיאנאזש.

מ'האט ביי זיי אדורכגעפיהרט א גענויע רעוויזיע, בעת וועלכע מ'האט אין די בערען-נארעס געפינען געהיימע שיפרירטע שריפטען, פלענער און פערשידענע דאקומענטען, וועלכע האבען בעוויזען, אז די ציגיינער האבען זיך פערנומען מיט שפיאנאזש לטובת א שכנותדיגער מלוכה. די ארעסטירטע זענען איבערגעגעבען געווארען צו דיספאזיציע פון אויספארשונגס-ריכטער. זיי האבען טערקישע פעטער און האבען שוין אויסגעוואנדערט אלע אייראפעאישע מלוכות.

—:o:—

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג 23 ח תמוז תרצ״א

יוני
זון־אויפגאַנג 3.16
זון־אונטערגאַנג 7.58

זומער־קאָלאָניעס פאַר 1600 לערן־יונגלעך
אָרדענט איין די לאָדזער קראַנקען־קאַסע
קאָנפערענץ פון מאַגיסטראַט מיט די האַנדווערקער־פאָרשטעהער

! אין לאָקאַל פון שטאָט ראַט איז נעכטען פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון האַנדווערקער פאָרשטעהער פון אַלע לאָדזער צעכען און האַנדווערקער אָרגאַניזאַציעס.

די קאָנפערענץ האָט צוזאַמענגערופען די אינדוסטריע־אָפּטיילונג ביים לאָדזער מאַגיסטראַט, און צו איהר זענען אַ חוץ די האַנדווערקער געקומען אויך פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט, האַנדווערקער קאַמער און וואָיעוואָדזטווע, וויצע פרעזידענט ראַפּאַלסקי און דער לייטער פון דער אינדוסטריע אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט אינזש. בערלינער האָבען ערקלערט די פערזאַמעלטע אַז די קראַנקען־קאַסע האָט זיך פערשטענדיגט מיט׳ן שול־קוראַטאָר און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען אַז היי יאָהר וועט די קראַנקען קאַסע אַרויסשיקען אויף זומער קאָלאָניעס די לערן־יונגלעך אויף 2 און 4 וואָכען, ט׳וועלען אַרויסגעשיקט ווערען פאַרטיעס צו 400 קינדער, די האַנדווערקער מוזען דעריבער בעפרייען זייערע לערן יונגלעך און פעסטשטעלען מיט זיי ווען זיי וועלען פאָהרען כדי זיי זאָלען קענען פעררעכענט ווערען אין די ענטשפּרעכענדע גרופּען.

ארום דער פראגע האָט זיך ענטוויקעלט אַ לעבהאַפטער וכוח אין וועלכען ס׳האָבען אַנטיילגענומען די ה״ה אינזש. בערלינער, צאַריסקי, מ. ד. הערשקאָוויטש, קאָרטשאַק א. אַנד. דער סטאַרשי פון שטעפּער צעך ה׳ פריינץ האָט אַרויסגערוקט די פאָדערונג, אַז פאַר די יודישע לערן־יונגלעך זאָל איינגעאָרדענט ווערען אַ כשרע קוך ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פון רעליגיעזע עלטערן, וועלכע וועלען נישט מסכים זיין צו שיקען זייערע קינדער אויף די קאָלאָניעס, אויב זיי וועלען נישט זיכער זיין, אַז דאָרט וועלען זיי בעקומען כשר עסען.

צום סוף איז געוועהלט געוואָרען אַ קאָמיסיע פון 7 פּערזאָן אין וועלכער ס׳געהען אַריין: אַ פאָרשטעהער פון דער האַנדווערקער קאַמער, די ה״ה צאַריסקי, מ. ד. הערשקאָוויטש, קראַקויער, פּראָלעוואַנדאָווסקי, קאָרטשאַק.

די פראגע וועגען אַ כשרער קוך איז איבערגעשיקט געוואָרען צו דער קאָמיסיע, אַז זי זאָל זיך וועגען דעם ענין פערשטענדיגען מיט דער קראַנקען־קאַסע.

ליבע, מסחר און שכרות...
דריי פאַלען פון בענעהן זעלבסט־מאָרד

(א) אויף באַוואָראַט 20 האָט דאָס צוואַנציגיאָהריגע דינסטמיידעל, מחמת פערפיהרטע ליבע, אויסגעטרונקען סובלימאַט. אַז ס׳איז אָנגעקומען פאַגאַטאָוויטש איז זי גענומען ראַטעווען (פונ׳ם סם, נישט פון דער פערפיהרונג...) האָט זי געמאַכט סקאַנדאַלען, זיך געביסען, געריסען די בגדים פון דעם דאָקטאָר און די סאַניטאַרען, א.ד.גל. מ׳האָט זי אָבער בייגעקומען, „געטון איהר איהר רעכט“. און זי אָפּגעראַטעוועט, אַלס צולאָג צו די צרות וועט זי צוגעצויגען צו פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר בעליידיגען דעם דאָקטאָר.

פאַגאַטאָוויטש האָט אויך אָפּגעראַטעוועט דעם סוחר וואָלף אַלעקסאַנדער פון קאַמיענגא 4, וועלכען ס׳איז לעצטענס געגאַנגען זעהר ביטער. און ער האָט זיך דעריבער פערסמט מיט יאָדינע.

אַ דריטער זעלבסטמאָרד־פאַל האָט פּאַסירט מיט דעם אַרבייטער יאַן ווילדמאַן, וועלכער האָט זיך אָנגעשכורט ביי זיינע בעקאַנטע אויף קילינסקיעגאָ 229 און זיך אַראָפּגעוואָרפען פון דריטען שטאָק, הגם ער איז אַרונטערגעפאַלען אויפ׳ן באַלקאָן פון 1־טען שטאָק. ד.ה. אָפּגעשפּאָרט זיך נאָך איין שטאָק לופט־פליהען, האָט ער זיך דאָך איינגעגאַנצען צושעדיגט און זיך צובראָכען אַ פוס, אַזוי אַז פאַגאַטאָוויטש האָט איהם אין אַ זעהר שווערען צושטאַנד געמוזט אָפּפיהרען אין שפּיטאָל.

דרינגענדע זיצונג פון שטאָט־ראַט

מאָרגען מיטוואָך וועט פאָרקומען אַ דרינגענדע זיצונג פון שטאָט־ראַט כדי צו בעשטעטיגען די קורצטערמיניגע הלואה פון אַ מיליאָן זלאָטיס, וועלכע די שטאָט זאָל נעמען ביי דער רעגירונג. אַזוי ווי אַ הלואה דאַרף בעשטעטיגט ווערען אויף 2 זיצונגען וועט דערנאָכדעם אָווענד פאָרקומען אַ צווייטע זיצונג.

נייע פּאָליצײ־אָפיצירען אין לאָדז

(2) אין דער וואָיעוואָדישער פּאָליצײ־קאָמענדע זענען בעשטימט געוואָרען נייע פּאָליצײ־אָפיצירען: פּר. ראַקאָסאָווסקי אַלס פערטרעטער פון קאָמענדאַנט אין דער רייטער־פּאָליצײ; לעאָן פּאָלאַק אַלס פערטרעטער פון קאָמענדאַנט אין דער רעזערווע פון שטאָט לאָדז: וואָלש. ביעלקאָווסקי אַלס לייטער פון דער 4 בריגאַדע אין אויספאָרשונגס־אַמט; דער ביזאַצינגער לייטער פון 7 פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַט אַלס שטעלפערטרעטענדער לייטער פון פערזאָנאַל־אָפּטיילונג אין דער וואָיעוואָדישער פּאָליצײ־קאָמענדע.

פערשוואונדען אַן׳אויטאָ
און זיין באַלעבאָס וועט דערפאַר געהן זיצען

(א) איגנאַצי ראַטערבלימער האָט זיך געמאָנט 1400 זל. פון הענריק געסלער׳ן, וועלכע דאָס געריכט האָט איהם צוגעפּסק׳נט. מיט דער הילף פון דעם קאָמאָרניק סיזין האָט ער אַרויסגעלייגט אַן׳אַרעסט אויף געסלער׳ס אויטאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין גאַראַזש פון דער פירמע „אויטאָסאָליד“, אויף וואָדנע 28. אַז עס איז געקומען דער טאָג פון דער ליציטאַציע, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז געסלער האָט זיך מקדים געווען און צוגענומען דעם אויטאָ. דערפאַר איז ער געשטאַנען פאַר׳ן געריכט, וועלכער האָט איהם פערמשפּט אויף אַ חודש טורמע.

ווער האָט צושניטען דעם בויך ביי סטאַרשעווסקי?

(2) אויף מאַנאָוויצקי־גאַס האָבען די שכנים נעכטען ביינאַכט דערהערט אַ געשריי און ווען זיי זענען אַרויסגעלאָפען האָבען זיי דערזעהען ליגען אין אַ קאַלוזשע בלוט אַן׳אומבעקאַנטען מיט אַ צושניטענעם בויך. מ׳האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער הייסט יוזעף סטאַרשעווסקי, אַזוי ווי ער איז ביז איצט נישט געקומען צו זיך ווייסט מען נישט ווער און פאַרוואָס מען האָט איהם געשטאָכען.

מ׳האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל פון דער קראַנקען־קאַסע. פּאָליצײ פיהרט אַן׳אויספאָרשונג.

וועגען די אנקעטע־בויגענס פון די לאָקאַטאָרען און מעלדונגס־ביכער

(א) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַנג צוריק דורכגעפיהרטער אַנקעטע וועגען דעם וואוקס און אָפּפלוס פון דער בעפעלקערונג, נעמען צו די פונקציאָנערען פון דעם הויפּט־מעלדונגס־ביוראָ די נייע מעלדונגס־ביכער ביי די בעזונדערע הויז־ווירטען און אַדמיניסטראַטאָרען, און קוויטירען גלייכצייטיג די אַנקעטע־בויגענס פון די לאָקאַטאָרען. אין אַכט ווערען נאָר גענומען ריכטיג־אויסגעפילטע אַנקעטעס. די צאָהל נישט ריכטיג צוזאַמענגעשטעלטע אַנקעטעס בעטרעפט פון 28 ביז 30 פּראָצ. פון וועלכע דער רוב איז שוין אויסגעבעסערט געוואָרען דורך די קאָנטראָלערען. נאָכ׳ן פערגלייכען די אַנקעטע־בויגען מיט די מעלדונגס־ביכער, וועלען די לעצטע צוריקגעקעהרט ווערען די הויזווירטען און אַדמיניסטראַטאָרען.

פאָבאָר פון יאָהרגאַנג 1910

היינט, דינסטאָג שטעלען זיך:

פאַר דער פאָבאָר־קאָמיסיע, נומער 1
(זאַקאָנטנע 82)

מענער פון יאָהרגאַנג 1910, וואָס וואוינען אויפ׳ן שטח פון 11 פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַט, די פאַמיליען־נעמען פון וועלכע עס הויבען זיך אָן מיט די אותיות:

G K L O

פאַר דער פאָבאָר־קאָמיסיע, נומער 2
(אָגראָדאָווא 34)

די וואָס וואוינען אויפ׳ן שטח פון 14־טען קאָמיסאַריאַט — מיט די אותיות:

P T

פאַר דער פאָבאָר־קאָמיסיע, נומער 3
(אַל. קאָשטשושקי 21)

מענער פון די יאָהרגענג: פון 1908 ביז 1909 איינשליסלין, וועלען וואוינען אויף די שטחים פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13, און 14 פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַטען, ד. ה. פּאָמאַראָווצעס, וועלכע האָבען לעת עתה נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט [illegible] זיך נישט געשטעלט פאַר אַ פאָבאָר־קאָמיסיע).

* * *

דעם 24. 25 און 26 יוני וועט אויף אָגראָדאָווע 34, אַמטירען אַ קאָמיסיע, פאַר די פרייוויליגע פון 1911, 1912 און 1913, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 1. 4. 6. 7. 10. 12. 13 און 14 פּאָליצײ קאָמיסאַריאַטען.

פאַר די פרייוויליגע פון לאָדזער פּאָוויאַט פון די יאָהרגענג 1911, 1912 און 1913 וועט אַ קאָמיסיע אַמטירען אין לאָקאַל פון פּ.ק.או. לאָדז פּאָוויאַט (פּיעטרקאָווער 187) דעם 30 יוני.

אַפּטייקען
היינטיגע נאַכט־דיזשורען.

(2) קאַספּערקעוויטש (זגערזשער 54), שימקעוויטש (קאָפּערניק 26), זונדעלעוויטש (פּיעטרקאָווער 25), סאָקאָלעוויטש און שאָט (פּשעיאַזד 19), ליפּעץ (פּיעטרקאָווער 193), ריכטער און לאַגאַרע 11 ליסטאָפּאַד 86).

אַ 23־יאָהריגע פרוי — 50 סענטימעטער די הויך
אַ פערזעהעניש מיט הענד און פיס ווי ביי אַן׳ערשט געבוירען קינד

(2) אויף קעלבאַכס גאַס 32 אין באַלוט איז נעכטען געווען זעהר לעבעדיג. מ׳האָט דאָרט ענטדעקט אַ סוד וועלכען מענשען האָבען בעהאַלטען אין פערלויף פון העכער צוואַנציג יאָהר. אין דעם הויז וואוינט די פאַמיליע מ.. ביי דער פאַמיליע איז פערהאַן אַ קינד, וואָס איז אַלט 23 יאָהר און האָט די גרויס פון אַ האַלבען מעטער, דער קאָפּ איז אַ נאָרמאַלער, ווי ביי אַלע מענשען אַלע איבעריגע טיילען פון קערפּער זענען ווי ביי אַ ערשט געבוירען קינד. די הענט און פיס זענען זעהר קליינע און האָבען אָנשטאָט ביינער עפּעס אַ מין כריאַשטש, די פיסלעך זענען קרומע ווי ביי קינדער וואָס זענען קראַנק אויף דער ענגלישער קרענק, די פרוי איז אַ פערזעהעניש און גייסטיג זעהר שוואַך ענטוויקעלט, זי זיצט אויף אַ ספּעציעלען בענקעל, וויגט זיך און פון צייט צו צייט גיט זי אַרויס קלאַנגען ווי עס מיאַוקעט אַ קאַץ. זעהר זעלטען וויינט זי. עסען גיט מען איהר שיטערע זאַכען, דערביי עסט זי גענוג פיל. די פרוי לאה איז געבוירען געוואָרען אַלס נאָרמאַל קינד און ווען זי איז אַלט געווען עטליכע חדשים, האָט זיך איהר פיזישע און גייסטיגע ענטוויקלונג אָפּגעשטעלט און נאָר דער קאָפּ האָט ביי איהר געהאַלטען אין איין וואַקסען. לאה האָט געהאַט אַ ברודער וועלכער איז געווען גאַנץ נאָרמאַל ענטוויקעלט, פאַר צוויי יאָהר איז ער געשטאָרבען. לאה אונטערשיידעט נישט קיינעם פון איהרע היימישע. בכלל רעאַגירט זי אויף גאָרנישט. נאָר בעת אַ שטורעם ווייזט זי אַרויס אַ געוויסע אומרוהיגקייט און גיט אַרויס איהרע קלאַנגען — מיאַוקעט.

די עלטערען האָבען די גאַנצע צייט בעהאַלטען פאַר ד ישכנים איהר עקזיסטענץ, און נאָר צופעליג האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט אַ שכנה און באַלד דערויף גאַנץ באַלוט. אַ גאַנצען טאָג איז נעכטען דאָס הויז בעלאַגערט געווען פון בייגיידיגע וועלכע האָבען געוואָלט זעהן דאָס וואונדערליכע פערזעהעניש.

לאָדזער יודישער קאַמעראַל־טעאַטער
אַלעע 1־טער מאַי 2. געוו. ענגלישער זאַל (פריש רעמאָנטירט).
דירעקטאָר: דוד צעלמייסטער.

לעצטע גאַסטשפּילען פון דוד הערמאַן־טעאַטער
מיט׳ן אַנטייל פון פּרעמיער פון דער ווילנער טרופּע
יוסף קאַמען

היינט, דינסטאַג, 9 אָווענד נור 1 פאָרשטעל. אין „פילהאַרמאָניע“
מאַן, ווייב און רעוואָלוציע
קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון וו. קאַטאַיעוו.

מאָרגען מיטוואָך ד. 24־טען, 9 אָווענד **„דער טויבער“** (ברויט־מיהל) פון ד. בערגעלסאָן
פּרייזען זענען פון 50 גר. ביז 1.50 זל.

ס׳בעטייליגען זיך: געוועזענע מיטגלידער פון דער ווילנער טרופּע — אולריך דוד, בירנבוים דוד, הירשפעלד זלמן, מעסינגער מיכאל, קעניג דינה, קולענדער יעקב מיט דעם פּרעמיער יוסף קאַמען בראש, ווי אויך נערה רבקה, יחיאל ראַקאָוו, בת־שבע.

אינסצעניזאַציע און רעזשי: דוד הערמאַן. אַדמינ. לייטער: א. גאַריעלאָוו.

בילעטען צו בעקומען אין קאָנדיטאָריי פון ה׳ ראַשגאָלד (פּיעטריקאָווער 38) און אַ גאַנצען טאָג אין דער קאַסע פון טעאַטער.

אנגעשטעלטע פון דער באַנקראָטירטער האַנדעלס־באַנק
געוואונען דעם פּראָצעס וועגען יו״ט גראַטיפיקאַציע

(פ) די אַנגעשטעלטע פון דער האַנדעלס־באַנק פלעגען שטענדיג בעקומען אויף פּאַסכאַ און ניי־יאָהר חודשדיגע צוגאָב־פענסיעס. היי־יאָהר האָט די דירעקציע אויף פּאַסכאַ נישט געוואָלט אויסצאָהלען די דאָזיגע צוגאָב־פענסיע. נעמענדיג אין אַכט די שווערע לאַגע פון דער באַנק האָט מען מספּים געווען אָנצונעמען דאָס מאָל נאָר אַ האַלבען חודש־פענסיע, אָבער די דירעקציע האָט אויך דאָס אָפּגעוואָרפען. די אַנגעשטעלטע זענען אַרויסגעטראָטען אין אַרבייטס־געריכט מיט אַ תביעה. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין צוויי אינסטאַנצען און אין ביידע אינסטאַנצען האָבען אַרויסגעגעבען אורטיילען לטובת די אַנגעשטעלטע.

KSIĘGARNIA CZYTAJ

פון האנדעלס-געריכט

אויף דער לעצטער זיצונג פון געריכט איז באַטראַכט געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן דער פירמע „אַקצ. געזעלשאַפט מיכאל גלאַזער, (זשעלאַזנאַ 5), לויט וועלכען די חובות וועלען רעדוצירט ביז 70 פראָצ. און אויסגעצאָהלט אין 4 ראַטעס, (15, 15, 20 און 20 פראָצ.) אין פערלויף פון 24 חדשים.

דאָס געריכט האָט בעשלאָסען צו מתחייב זיין די פירמע צו געבען אין משך פון 2 וואָכען אַ געהעריגע היפּאָטעק־גאַראַנטיע צו פֿאַרזיכערען די קרעדיטאָרען.

פראצעס פאר ערמארדען א פאליציאנט

(2) אין פּיעטריקאָווער קרייז-געריכט האָט זיך נעכטען אָנגעהויבען דער פּראָצעס געגען יוזעף מאַלאַרא, וועלכער האָט צוזאַמען מיט נאָך 3 זיינע קאָלעגען ערמאָרדעט אַ פּאָליציאַנט אין סולעיאָוו. די בעשולדיגטע האָבען בעת דער אויספאָרשונג אנגעוויזען, אַז אין דער צייט ווען דער פּאָליציאַנט איז ערמאָרדעט געוואָרען האָבען זיי אין לאָדז אויסגעפיהרט אַ גנבה פון פוטער און האָבען די גע'גנב'עטע פוטער פערקויפט אין לאָדז. אַ רעוויזיע האָט ווירקליך פעסטגעשטעלט די גע'גנב'עטע פוטער אין לאָדז אויפ'ן אָנגעוויזענעם אָרט אויפ'ן לעאָנהארד-פּלאַץ. צום פּראָצעס זענען ארויסגערופען געוואָרען עטליכע און זעכציג עדות.

2 יאהר תפיסה פאר אויסהענגען א קאמוניסטישע פאהן

(2) אין קרייז-געריכט איז געמשפּט געוואָרן ישראל רידערמאַן פֿאַר ארויסהענגען אַ קאָמוניסטישע פאָהן. אַגענטען פון אויספאָרשונגס-אַמט האָבען עדות געזאָגט, אַז דעם 26. פעברואר האָט בידערמאַן אויף נאַוואַמיעסקאַ-גאַס ארויסגעהאָנגען אַ קאָמוניסטישע פאָהן. דער בעשולדיגטער האָט זיך נישט מודה געווען. דאָס געריכט האָט איהם פערמשפט אויף 2 יאָהר תפיסה.

מרים, גוטמאַן גאָלדע חיה, האַלפּערין מאַניא, הענדלער לאה, יאַקובאָוויטש רבקה, קבונקי פנינה, קאָפּער מרים, ליטווין ברײַנע, ניימאַן חוה, אָדינאַק אסת׳, אסטראָוויעצקא אסתר ליבע, ראַבינאָוויטש זיסא, רייכענבאַך חנה, ראָזענטאַל שיינע, ראָזען שרה, סימאָן מרים, שור לאה, שאַפּמאַן שרה, ווישליצקי חנה און וויגער פּעסי.

די ווילנער טרופע אין שטאט-טעאטער

היינט, דינסטאָג שפּילען די ווילנער וויליאַם שעקספּיר'ס „דער סוחר פון ווענעדיק״ (שיילאָק) מיט א. סאַמבערג אַלס שיילאָק, וועלכער איז אָנערקענט געוואָרען אַלס איינער פון די בעסטע אינטערפּרעטירער פון דער דאָזיגער ראָל.

אומעטום סיי אין פּוילען סיי אין אויסלאַנד איז א. סאַמבערג ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרען פון דער גאַנצער פּרעסע און טעאַטער-קענער.

מיטוואָך צום 8-טען מאָל „שוואַרצע געטאָ״ דאָנערשטאָג נאָר איינמאָל „ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק״ פון י. ל. פּרץ, מיט א. סאַמבערג אַלס לץ.

היינט שפּילט דאס דוד הערמאן-טעאטער אין פילהארמאניע-זאל

פאפולערע פארשטעלונג פאר דער יודישער ארבייטערשאפט

סך-הכל נאָך ענצעלנע טעג בלייבט נאָך דאָס דוד הערמאַן-טעאַטער ביי אונזער שטאָט.

איינע פון די שענסטע אויפפיהרונגען פון דוד הערמאַן-טעאַטער, איז די קאָמעדיע פון סאָוויעטישען לעבענס-שטייגער „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע״ פון בעריהמטען סאָוויעטישען שרייבער וו. קאַטאַיעוו. אין דער דאָזיגער קאָמעדיע זעהען מיר, ווי אזוי עס לעבט דער יונגער דור אין ראַטען-פערבאַנד. די קאָמעדיע, וועלכע שפּרודעלט מיט אַ געזונטען פאָלקס-הומאָר, ווערט אויסגעצייכענט געשפּילט דורך די יונגע טאַלאַנטפולע אַרטיסטען פון דוד הערמאַן-טעאַטער.

די היינטיגע פאָרשטעלונג פון „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע״ איז שוין די לעצטע. עס איז דעריבער זיכער, אַז די דאָזיגע פאָרשטעלונג, וועלכע ווערט אָרגאַניזירט דורכ'ן קולטור-אַמט פון די פּראָפ. פעראיינען, וועט נעוויס צוציהען אַ גרויסען עולם פון דער יודישער ארבייטערשאַפט און פון דער יודישער ארבייטער-יוגענט. די פּרייזען זענען זעהר פּאָפּולערע. ארבייטסלאָזע, מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען בעקומען ביי די סעקרעטאַרען פון די פעראיינען איינגאַנצען אומזיסטע בילעטען.

ראדיא-פראגראם

דינסטאג, ד. 23 יוני

12,05 צייט-סיגנאַל, 1,15 גראַמאָפאָן-מוזיק, 1,25 טאָג-פּראָגראַם, 4.00 הפסקה, 4,45 גראַמאָפאָן-מוזיק, 4.50 קאָמוניקאַטען פאַר פישער און שיפער, 5,10 פאָרטראַג, 5,25 פעליעטאָן, 5,35 גראַמאָפאָן-פּליטען. 6,00 פאָרטראַג. 7.00 קאָנצערט, 7,20 פערשידענעס, 7,35 קאָמוניקאַט פון דער לאָדזער האַנדעלס-קאַמער, 3,50 ראַדיאָ-פּרעסע, טראַנסמיסיע פון וואַרשאָווער אָפּערע, אַ נאַכט אין וועגעדיג. קאָמוניקאַטען און לייכטע מוזיק.

IMPREGNATOR

(KARBOLINEUM)

DO KONSERWOWANIA DRZEWA

POLECA

Gazownia Miejska

TARGOWA 18

אטראקציע!!!

דער וועלט-בעריהמטער

לונא-פארק

אין לאדז

115 וואָלטשאַנסקאַ 115,

ביי זאַמענהאָף

קירצליך ערעפנונג!

אַכטונג האַנדוועבער

אין דער וועבעריי פון „אָרט״ זענען פאַרהאַן איינינגע פרייע ערטער זיך צו לערנען קראַפּט-וועבעריי אויף ענגלישע שטילען גלאַט, קאַריר און זייד, ווי אויך אויף קאָרט-שטילען „שעהנהער״.

אַכטונג קראַפּט-וועבער

איינינגע יודישע קוואַליפיצירטע קראַפּט-וועבער אויף ענגלישע קאַריר און קאָרט-שטילען קאָנען בעקומען בעשעפטיגונג. נאָכפרעגען אין דער אדמיניסטראַציע פון „פאָלקסבלאַט״

צודריקט צווישען 2 וואגאנעס

(2) נעכטען פאַרמיטאָג ווען דער 37-יאָהריגער יוזעף קופּיטש האָט געוואָלט איבערגעהען די אייזענבאַהן-ליניע אויפ'ן ריימאָנט-פּלאַץ איז אויף איהם פון היגטען אָנגעפאָהרען א וואַגאָן פון אַ מאַנעווּרירענדען צוג און האָט איהם צוזאַמענגעפרעסט צווישען די וואַגאָנעס.

ביים אומגליקליכען זענען צובראָכען געוואָרען עטליכע ריפּען און צונױפגעפרעסט געוואָרען דער ברוסט-קאַסטען. מ'האָט איהם אין א שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

מאטורעס אין יודישען מעדעל-גימנאזיום

די מאַטורע-עקזאַמענס אין מעדעל-גימנאַזיום פון דער געזעלשאַפט צו גרינדען יודישע מיטעל-שולען אין לאָדז איז פאָרגעקומען דעם 15, 16 און 17 יוני. מאַטורע-צייגנישען האָבען בעקומען: בראָמבערג שרה, פרענקעל עליזבעט, גערשענאָוויטש

פערזאָרגט איז איצט ווילקינס מיט זיין „נאַוטילוס״: צום צפון-פּאָל ווייט איז... גאָר ווייט נאָר דער ציל איז, נאָר, מילא... ער טרייסט זיך — די טרייסט איז אַ גוטע: ער'ט קומען קיין לאָדז אויף דער פּרעסע-רעדוטע...

אין באהן-וואגאן

(אונטערגעהערטע אקטועלע שמועסן)

„אַז מ'פּאַסט צו אַ פסוק צו אַ געוויסען ענין איז גלייך ווי מ'דערלאַנגט ברויט אַ הונגעריגען״, אַזוי דרשנ'ט דער מדרש און אַז דער מדרש דרשנט — זאָגען יודען — אַז ער איז תמיד געראָטען. און דערפאַר טאַקע האָב איך ליב זיך צו צוהערען צו געשפּרעכען וואָס זענען ווי די משנה זאָגט „שואל כענין ומשיב כהלכה״.

פאָהר איך אַנומלט אין וואַגאָן און עס זיצען אַקעגען מיר צוויי יודען און זענען זיך מפלפל, זיי רעדען און היצען זיך, זיי מאַכען תנועות, מיט די הענד, אויף אַ גאָר גרויסען אופן. וועגען וואָס רעדען יודען אין וואַגאָן? וועגען הייבטיגער שלעכטער צייט, וועגען היינטיגע פּאַסקודנע געשעפטען און דער עיקר וועגען דער גרויסער אָרימקייט, וואָס הערשט צווישען סוחרים, דער אַנהאַלט איז אַ שוואַכער ס'איז קיין פונדאַמענט נישטאָ... אַ וועלט מיט אָרימעלייט...

הער איך, יודען רעדען פון א דבר בעתו, אָדער ווי די היינטיגע רופען עס: אַן אַקטועלע פּראַגע, לעג איך אַוועק מיין צייטונג, וואָס איך לייען און הער מיך צו צום שמועס.

— און וואָס וועט סוף־כל־סוף זיין דער תכלית?

— האָט איינער שוין אַביסעל צוואַרימט געפרעגט—

אַז ס'איז געווען השנים כתיקונן, אַז די וועלט איז געווען אַ וועלט, האָט זיך דער ראָד געדרעהט אַרום אַקס, די אָרימעלייט האָבען זיך געדרעהט אַרום די גבירים, אַרום איין אַקס האָט זיך געדרעהט אַ גרויסע ראָד, אַרום איין גביר, האָבען געלעבט און געהאַט אַ יניקה הונדערטער און אַפילו טויזענדער מענשען, אָבער איצט, אַז דער אַקס איז שוין אַזוי אויסגעריבען, ער איז שוין כמעט אויס אַקס, טאָ וואָס וועט פאַרט זיין, דער תכלית? רעדער אָהן אַקסען קענען זיך דאָך נישט דרעהען...

— עך, דו נאַר איינער — האָט זיך דער צווייטער יוד אָנגערופען — דו רעדסט דאָך גאַר ווי אַ טרוקענער מתנגיד, וואָס הייסט דער אַקס האָט זיך אויסגעריבען, ס'איז נישטאָ אַרום וועמען זיך צו דרעהען?... יודען גיבען זיך אַן עצה, די אָרימעלייט קענען זיך איינע דעם אַנדערען אויך דרעהען, און דו דאַרפסט וויסען — האָט ער ווייטער געדרעט — אַז אונזערע אָרימעלייט זענען אַנדערש ווי אַנדערע אָרימעלייט, ביי אונז זענען די אָרימעלייט איינגעטיילט אין פערשידענע קאַטעגאָריעס: „עני״, למשל איז ביי אונז אַן אָרימאַן, „אביון״ איז שוין אַ גרעסערער, „דל״ איז גאָר אַ גרויסער, „רש״ איז אויך אַ פיינער אָרימאַן, „מסכון״ אוודאי אפילו „דלפון״ איז אויך אַן אָרימאַן, און טאָמער כעהלט שוין אויס אַן אויסדרוק, איז אַ „מחוסר לחם״ אויך אַן אָרימאַן, און אַפילו אַ מחזיר על הפתחים אויך... און אזוי אַרום ווי איהר הערט, איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקען זיך און צו נעהמען צום האַרצען... אַז עס וועט נעהמען אַ סוף צו די גבירים, זענען דאָ גענוג אָרימעלייט וואָס איינער וועט זיך קאָנען דרעהען אַרום צווייטען... און אַ סברא אַז מיינע נביאות זענען שוין כמעט ווי מקויים געוואָרען, די אָרימעלייט שפּילען שוין די הויפּט־ראָלען... זיי זענען שוין דער אַקס אַרום וועלכען דאָס רעדעל דרעהט זיך... (אַז אָך און וועה איז דאָס...) קוקט זיך צו אין גאַס אַרום די היינטיגע געשעפטסמאַכער וועט איהר זעהען אַז די אַקסען אַרום וועלכע עס דרעהען זיך די רעדער זענען שוין די אָרימעלייט, איהר וועט זעהן ווי דער „מחזיר על הפתחים״ דרעהט זיך אַרום דעם „מחוסר לחם״ און דער „מחוסר לחם״ אַרום „דלפון״ און דער „דלפון״ אַרום „מסכון״ און „מסכון״ אַרום „רש״, און דער „רש״ אַרום דעם „דל״ דער „דל״ אַרום „אביון״ און דער „אביון״ אַרום „עני״ און דער „עני״ אַרום סתם אָרימאַן וואָס האָט שוין אַפילו קיין נאָמען אויך נישט...

און אָט אַזוי ווי איהר הערט ביז איך אָפּגעזעסען אין וואַגאָן אַ היפּש ביסעל צייט און זיך צוגעהערט ווי צוויי יודען האָבען זיך מפלפל געווען וועגען אמת'ע אַקטועלע פּראַגען... וועגען — ווי מ'זאָגט — דברים שיש בהן ממש... און אַז דער וואַגאָן איז שטעהן געבליבען אויף דער סטאַציע האָבען זיך די יודען פונאַנדער־געזעגענט און האָבען זיך געזעגנט, הלוואי מ'זאָל נאָך דערלעבען דאָס צו דערצעהלען אין פריידען...

שר של אש.

— רעזשי פון —
ERYK POMER

„דער וועג צום גן-עדן״

הייבט פרעמיערע!
די רייצענדע מיט לידער, מוזיק און אינהאַלט פילם-אָפּערעטקע
שעפער פון „אונגאַרישער ראַפּסאַדיע״ אין „ליבעס-וואַלץ״ — פיעהליכע „Qui pro Quo״ — הולטאַישע טראַיקעס, ס'גייעג נאָך אַ ווייב און נאָך גרין.
אין די הויפּט-ראָלען: LILIAN HARVEY, HENRI GARAT, OLGA CZECHOWA, GASTON JAQUETT
אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צייכנונג-קאָמעדיע א. ג. „אויף די שמוּ־מישע בוואַליעס״. אָנהויב אין געוו. טעג 5 אַ זייגער נאָכמ., שבת און זונטאָג–3 נאָכמ.
דער זאַל איז ווענטילירט! פּאָפּולערע פּרייזען פון די פּלעצער! דער זאַל איז ווענטילירט!

פּערפומעריע
J. Drukier
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 5,
טעלעפאָן 92=175
מאַכט בעקאַנט, אַז זי האָט איבערגענומען די פערטרעטונג אויף דער גאַנצער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע פון די אויסגעצייכנעטע פּרעזערוואַטיוועז
RADIO-GUMME
„OLLA" PREZERWATYWY
דאָרט זענען אויך שטענדיג אויף לאַגער פרישע פּרעזערוואַטיוען פון דער מאַרקע „OLLA״

יעדער איינציגער
מעבעל
האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר דיוואַנעס, פּעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדעראָבען או"וו צאָהלט די העכסטע פּרייזען
א. ווייצמאַן שענקעוויטש 23
טעלעפאָן 00=191.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

Dr. med. J. Lubicz
כירורג-אָרטאָפּעד
האָט זיך איבערגעצויגען פון גדאַנסקאַ 28 אויף פּאָלודניאָווואַ 9, טעל. 17-183
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער
איינענע פּראַצאָווניע פון זעטשליכע אָרטאָפּעדישע אָפּאַראַטען, ווי: ווקלאַדקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענט און פיס, גאָרסעטען א. ז. וו.
נעמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

די ביליגסטע קוועלע
פון עלעגאַנטע יוביצלער און עלעפאַנטע מאַרינאַרקעס פּאַרשיידענע
אין אַ גרויסען אויסוואַהל בעקומט מען נאָר ביי
חיים מענדראָווסקי
אין לאָדז, אָגראָדאָוואַ 8 טעל. 202-28.

100% געזיכערטע פּרעזערוואַטיוון!
Ultra
Gum . . . . ?!
גיבן איך די מעגליכקייט צו איבערצייגען זיך וועגן דער אויסגעצייכנטקייט פון די פּרעזערוואַטיוון „ULTRA״ דעם 25 ד. ח. וועט זיך בעווייזען אַ'מאַנס און בייס אָבגעגעבן דעמעולבען וועלען די בעפּרעפענדע לאַגערן איך ארויסגעבן 1 פּרעזערוואַטיווע „ULTRA״, בחנם!

די בעסטע
באַד-גאַלקעס

„NOVOPIN"
WYCIĄG Z IGIEŁ SOSNOWYCH
DO KĄPIELI
זענען עמפעהלט דורך אַלע דאָקטוירים. מאַכן אַנטיסעפּטיש, רייך און אַראָמאַטיש דאָס וואַסער צו בעקומען אויף הורט און דעטייל
אין פּערפומעריע
J. DRUKER
זאַוואַדזקאַ 5, טעל. 92=175

א בלוטיגע יודישע טראגעדיע אין לובלין

43-יעהריגער שוסטער שטעכט א 18-יעהריג יודיש מיידעל. — דער מערדער, א טאטע פון 5 קינדער איז עפעס א טיוואנישער נעץ

(פון אונזער קארעספאנדענט)

פרייטאג האט זיך אין אנ'ארימע יודישע שטוב ביי א שוסטער אפגעשפילט א בלוטיגע טראגעדיע, וועלכע האט אויפגעקאכט די גאנצע שטאט.

אויף נארוטאוויטש־גאס 38 וואוינט א יודישער שוסטער, לייזער בראפמאן 45 י. א. מיט א פרוי און 5 6 קינדער, פון וועלכע דאס עלטסטע קינד איז די 18־יעהריגע הינדע, נישט קיין מיאוס מיידעל. אין דער וואוינונג פון איין שטוב מיט א קוך האט זיך געפינען אויך דער שוסטער־ווארשטאט, אין וועלכען עס האט אין די לעצטע דריי יאהר געארבייט אלס געזעלען דער 43־יעהריגער איטשע מעלער.

פרייטאג 8 פריה איז בראפמאן מיט זיין פרוי ארויס אויפ'ן מארק און אין שטוב זענען פארבליבען איטשע מעלער, די 18־יעהריגע הינדע און א 7־יעהריג מיידעלע.

אין א געוויסען מאמענט, האט הינדע זיך געווענדעט צו איטשען מיט א פאדערונג, אז ער זאל איהר פעטיג מאכען איהרע שיך, צווישען ביידע האט זיך אנגעהויבען עפעס א געשפרעך, איטשע איז געזעסען ביים ווארשטאט מיט'ן שוסטער־מעסער, הינדע איז ארומגעגאנגען אין שטוב אין העמד און אין א האלקע, איטשע האט זיך פלוצלונג אויפגעשטעלט פון ווארשטאט, געהייסען דאס 7־יעהריגע מיידעלע ארויסגעהן פון שטוב און פערשלאסען די טיר, פלוצלונג האט זיך פון שטוב דערהערט א געשריי, דאס האט זיך איטשע געווארפען אויף זיין קרבן מיט א מעסער און איהר געמאכט א וואונד אין א האנד, דאס מיידעל האט זיך געווארפען צום פענסטער, כדי ארויסצושפרינגען און זיך צו ראטעווען פון די מערדערישע הענד, זי האט זיך אבער געכאפט אין דער פארהאנג, וועלכע איז פערגאסען געווארען מיט'ן בלוט, וואס האט זיך שוין פון איהר געגאסען. דער מערדער האט אבער פערהאלטען זיין קרבן און איהר כסדר ביז 10 מאל געשטאכען מיט'ן מעסער אין די הענד, אין ברוסט און אין בויך. דאס מיידעל איז געפאלען אין א קאלוזשע בלוט.

ווייזט אויס, אז דער מערדער האט געמיינט, אז זיין קרבן איז שוין טויט, און ער איז דעריבער אליין ארויס דורכ'ן פענסטער, ארום וועלכען עס זענען זיך שוין געהאט צונויפגעלאפען א גרופע שכנים. דער מערדער איז ארויס אהן היטעל און אהן דער מארינארקע. אויסשרייענדיג צו די שכנים:

„געוואלד, עפעס א שגץ איז אריין אין שטוב און געשטאכען הינדען“! און גלייך ווי ער וואלט זיך געוואלט באכיאגען דעם „שגץ“ איז ער א דענער־ווירטער ארויס פון הויף און ענטלאפען.

ווען דער פאטער איז אנגעקומען האט הינדע געעפענט די אויגען און אויסגעשריגען צו איהם:

— טאטע, אלץ איז אמת, אלץ האב איך איהם געגעבען, אבער מיין עהרליכקייט און אונשולד האב איך איהם נישט געוואלט געבען.

די פאגאטאוויע האט איהר ערטיילט הילף און אין אנ'ערנסטען צושטאנד אפגעפיהרט אין יודישען שפיטאל.

איטשע מעלער האט א פרוי און 5 קינדער, פון וועלכע די עלטסטע איז א 17־יעהריג מיידעל. וועלכע האט ערקלערט:

— מייגטס נישט, אז מיין פאטער איז עפעס סתם א מערדער. גלויבט מיר, אז די זאך איז גאר נישט אזוי פשוט ווי מען זאגט. מיין פאטער איז נישט דער איינציגער שולדיגער. זי האט פון איהם א תל געמאכט. מיר האבען פון אלעם געוואוסט און גאר נישט געקענט העלפען. מיין פאטער האט אהיימגעברענגט 20 זל. א וואך. זיינע פערדינסטען האט ער אויף איהר אויסגעגעבען און מיר האבען געפרובט עפעס פרעגען, האט ער זיך שרעקליך אויפגערעגט, אז מען האט נישט געקענט מיט איהם רעדען. ער איז אוועק פון דער היים 6 פריה און געקומען צוריק 12 ביינאכט, געזאגט תירוצים, אבער מיר האבען שוין געוואוסט, וואו ער פערברענגט.

דער מערדער איז פון נארוטאוויטש 38 אוועק צו ... א בעקאנטען, געבארגט זיך אנ'אלטע צוריסענע מארינארקע און גלייך אוועק אין פאליציי־קאמיסאריאט אויף זשעלאנא. דארט האט ער דערצעהלט וועגען זיין טאט און מען האט איהם ארעסטירט.

שבת פריה האט מען שוין אין דער גאנצער שטאט געוואוסט פון דער געשיכטע, און אויף דער זשעלאנע גאס, פאר'ן טויער פון הויפט־פאליציי־קאמיסאריאט האבען זיך פערזאמעלט מאסען מענשען און געווארט אויפ'ן מאמענט, ווען מען וועט דעם מערדער איבערפיהרען אין „זאמעק“. צוליב דער אנגעהייצטער אויפגערעגטער שטימונג צווישען דעם המון און מורא האבענדיג, אז מען זאל זיך נישט ווארפען אויף דעם מערדער און איהם לינטשען, ווייל מען האט זיך דערצו געגרייט, האט די פאליציי פונאנדערגעטריבען דעם המון.

עס איז מיט דעם דאזיגען מענש סתם אנ'אומגליק געשעהען, ווען פאליציי האט איהם געפיהרט פעסט־געשמידט אין קייטען, האט ער זיך א שרעקליך־דענע־ווירטער אומגעקוקט כסדר אין אלע זייטען, גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט, מען זאל אויף איהם נישט אנפאלען אין דער'הרג'ענען און דערביי האט ער געהאלטען אין איין רעדען צו זיך. געווארפען אפגעהאקטע ווערטער צו די מענשען אויפ'ן טראטואר אויסגעשריגען:

— איך בין נישט קיין מערדער... פאר'ן געריכט, וועל איך אלץ דערצעהלען... מען וועט זיך שוין דערוויסען, וואס הייגטיגע צייטען קען פאסירען!....

ל. ט.

קופאן

אויף א יורידישער עצה

גילטיג דינסטאג דעם 23-טען יוני

א בעקאנטער יוריסט ערטיילט יורידישע עצות פון 3 ביז 4 א זייגער נאכמיטאג אין רעדאקציע פון אונזער צייטונג, פיעטריקאווער 21. אינטערעסאנטען דארפען מיטברענגען דעם קופאן פון „נייעם פאלקסבלאט“ — פון דעם זעלבען טאג. —

פינפטער יודישער דעפוטאט אין רומענישען פארלאמענט

בוקארעשט (יט"א) צוליב דעם, וואס די הויפט־וואהל־קאמיסיע האט געפסל'ט 5 קאמוניסטישע מאנדאטען צום רומענישען פארלאמענט, זענען זייערע מאנדאטען פערטיילט געווארען צווישען די איבריגע ליסטעס. א דאנק דעם איז איין מאנדאט אנערקענט געווארען די ליסטע פון דער „יודישער פארטייי“, וועלכע וועט אזוי ארום האבען דורכגעפיהרט אין פארלאמענט פינף דעפוטאטען, דער פינפטער דעפוטאט פון דער „יודישער פארטייי“ איז ד"ר פייפער.

דייטשע פרעמיע פאר דער ערצעהלונג פון א יונגען יודישען שריפטשטעלער

בערלין (יט"א) די „דייטשע בוכווערקשטעטען“ האבען מיט א קורצער צייט צוריק אויסגעשריבען א קאנקורס פון דער בעסטער ערצעהלונג, דער ערשטער פרייז איז צוטיילט געווארען צווישען דעם דייטשען נאוועליסט אלעקסאנדער פאן קעלער און דעם יונגען יודישען ערצעהלער עוריאל קארלעבאך. דער 22־יעהריגער קארלעבאך האט שוין פערעפענטליכט פיל ערצעהלונגען און רייזע־בעשרייבונגען אין דער דייטשער, יודישער און העברעאישער פרעסע. די ערצעהלונג, פאר וועלכער ער האט בעקומען די פרעמיע פון די „דייטשע בוכווערקשטעטען“, האט אלס טעמע א געשעהעניש, וואס איז זיך נישט לאנג צוריק פערלאפען אין דער ירושלימ'ער אלטשטאט.

קאנפליקט צווישען יודישע קאלאניסטען

און אראבישע פאסטוכער

ירושלים, 21. (יט"א טעלעגראפיש). צווישען די יודישע קאלאניסטען פון יסוד הנהלה און די אראבישע פאסטוכער איז אויסגעבראכען א קאנפליקט, ווייל די אראבישע פאסטוכער האבען ארויסגעפיהרט זייער שאף צו פאשען אויף די יודישע פעלדער. אייניגע יודען זענען פערוואונדעט געווארען. 4 אראבער און 1 יוד אריה מאשקאווסקי זענען ארעסטירט.

איבערגעפליגען דעם לא-מאנש-קאנאל

אויף אנ'אעראפלאן אהן מאטאר

פאריז, 21 (ספ. טעל.) דער קאנאדישער פליהער בירדמאר איז פרייטאג איבערגעפליגען דעם לאמאנש־קאנאל אויף אנ'אעראפלאן אהן א מאטאר די רייזע האט געדויערט אנדערטהאלבען שעה.

ווי וועט אויסזעהן די מאנדאטען־איינטיילונג אויפ'ן ציונ. קאנגרעס

לאנדאן (יט"א) הגם אין איצטיגען מאמענט זענען נאך נישט בעקאנט די רעזולטאטען פון די קאנגרעס־וואהלען אין אלע לענדער און הגם נישט אומעטום זענען שוין די וואהלען דורכגעפיהרט געווארען, דארף מען דאך, אויפ'ן יסוד פון די ביז־איצטיגע רעזולטאטען, בערעכענען, אז די בעטייליגונג פון די בעזונדערע גרופירונגען פון 17. ציוניסטישען קאנגרעס וועט זיך געשטאלטען אויף פאלגענדען אופן: די אלגעמיינע ציוניסטען זאלען זיין פערטרעטען דורך 81 דעלעגאטען, די ארבייטער־גרופירונגען — 72, רעוויזיאניסטען — 44, מזרחי — 34, ראדיקאלען — 8, אנדערע — 2 מאנדאטען. אין די דאזיגע צאהלען געהען שוין אריין די מאנדאטען, וואס די בעזונדערע גרופירונגען וועלען בעקומען פון די וועלט־ליסטעס. ווי עס שיינט, וועלען די אלגעמיינע ציוניסטען, ארבייטער, רעוויזיאניסטען און מזרחי בעקומען צו 21 מאנדאטען פון די וועלט־ליסטעס.

סעסיע פון ציוניסטישען א. ק. ערב דעם קאנגרעס

לאנדאן (יט"א) אויף דעם 29־טען יוני, ערב דעם 17־טען ציוניסטישען קאנגרעס איז גערופען געווארען א סעסיע פון ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט.

דעם 24־יוני וועלען שוין קיין באזעל אריבער־געפיהרט ווער'ן די ביוראען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן, וואו זיי וועלען פערבלייבען ביז איבער'ן קאנגרעס און דער סעסיע פון דער יודישער אגענץ.

א דעלעגאציע פון פ.ע.ז.-קלוב

ביים וויצע-בילדונגס-מיניסטער וועגען ווילנער סעמינאר

ווארשא (יט"א) א דעלעגאציע פון יודישען פ.ע.נ.־קלוב האט בעזוכט דעם וויצע בילדונגס־מיניסטער פעראצקי, די דעלעגאציע האט ערקלערט, צוליב וועלכע טעמים דער פען־קלוב, ווי אנ'אפאליטישע ארגאניזאציע פון שריפטשטעלער האט געהאלטען פאר זיין חוב צו אינטערווענירען אין דעם ענין פון דעם געשלאסענעם ווילנער לעהרער־סעמינאר, וואס איז דער איינציגער בילדונגס־אנשטאלט פאר יודישע לעהרער און האט א גרויסע בעדייטונג פאר דער יודישער קולטור און ליטעראטור.

דער וויצע־מיניסטער האט געענטפערט, אז אויפ'ן סמך פון די מאטעריאלען, וואס זענען פערהאן אין רשות פון דער מאכט, האט ער א נעגאטיווע בעציהונג צו דעם ווילנער סעמינאר און ער בעדויערט וואס עס איז געשלאסען געווארען ערשט איצט און נישט מיט צוויי יאהר צוריק.

די דעלעגאציע האט אויפמערקזאם געמאכט דעם וויצע־מיניסטער אויף פערשידענע נישט־פינקטליכקייטען אין די מאטעריאלען. דער וויצע־מיניסטער האט צוגעזאגט דאס נעהמען אין אכט, אבער ער האט גלייכצייטיג ערקלערט, אז ער מאכט נישט קיין שום הבטחות.

וואס שייך די עקזאמענט פאר די אביטוריענטען, איז דאס בעשטימען א קאמיסיע שטענדיג געווען אבהענגיג פון דעם גוטען ווילען פון דער שול־מאכט, מחמת דער סעמינאר האט נישט געהאט קיין שום מלוכה־רעכט. איצט האט די מאכט נישט ברעה צו בעשטימען א ספעציעלע קאמיסיע. די אביטוריענטען וועלען קאנען צוטרעטען צו די עקזאמענס ווי עקסטערניסטען.

Dr. MED. H. LUBICZ

ספ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס קראנק.

צענעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 13-142

עמפפאנגט־שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8, זונטאג און יו"ט 9–1, פאר דאמען בעזונדערער ווארטע־זאל.

(42

ר. איזראעל

ליבע און טויט

סענסאציאנ. ערעטישער ראמאן פון לאנדאנער לעבען

ראלף איז געווען אויסער זיך. אויף אזא סוף האט ער זיך נישט גערעכט, איהם איז באלד אויפ'ן ארט נישט איינגעפאלען דער געדאנק, אז דאס זאל זיין א שפיצעל פון נירענבערגן. מיט אלע ... האט ער געזוכט ארויסצובעקומען זיך פון דער צוקערניע, אומזיסט: דער סקאנדאל האט נישט אויפגעהערט, ביי דער טיר זענען געשטאנען א גרופע טונקעלע פערשוינען, זיך געקריגט, סקאנדאלעוועט און זיך געשלאגען, ראלף איז ווי א פייל אדורכגעלאפען איבער דעם לאנגען זאל פון דער צוקערניע, כדי זיך ארויסצובעקומען דורך א הינטער־טיר. דאס מאכען דעם ארויסגאנג האט געדויערט עטליכע מינוט און דאן האט זיך ראלף געפינען אויף דער גאס דערווייל איז געקומען פאליציי, וועלכע האט געמאכט ארדנונג ביידער טיר פון דער צוקערניע.

ראלף האט אבער נישט אכטונג געגעבען אויף דעם וואס ס'קומט פאר אין דער צוקערניע. ער האט אנגעהויבען צו זוכען אויף דער גאס נירענבערגן מיט סאניען, אין הי'ם גרויסען געדראנג אויף פעטרי־קאווער גאס האט ער מעהר גארנישט בעמערקט ער איז געלאפען ווי פערסמט אהין און צוריק איבער דער גאס, אבער קיין שום שפור האט ער מעהר נישט געפינען.

לויט דער צייט וואס איז אדורך זייט נירענבערג מיט סאניען זענען ארויס פון דער צוקערניע האט ראלף פערשטאנען, אז ער דארף זיי נאך געפינען ערגעץ באהענט דא אויף דער גאס.

— אויסער, האט ראלף זיך אנגעכאפט ביים קאפ, אז נירענבערג מיט סאניען זענען אוועקגעפאהרען ... אנ'אויטא. וואס האט זיך דא נאהענט געפינען, דאס איז דאך אבער נישט מעגליך, האט ראלף ווייטער לאגיש און קאלט באכגעטראכט, סאניע וואלט קיינמאל נישט איינגעגאנגען מיט נירענבערגן זיך אריינצוזעצען אין אנ'אויטא, זי וואלט בכלל נישט זיך געטראפען מעהר מיט איהם, ווען זי זאל נישט וויסען, אז זי ווערט געהיטען דורך אימיצען, וועלכער וועט איהר נישט ערלויבען קיין שלעכטס צו טון.

נאך די דאזיגע נאכטראכטענישען און נאכדעם ווי זיינע בעמיהונגען אויפצוזוכען נירענבערגן מיט סאניען האבען זיך נישט איינגעגעבען איז ראלף געווארען שטארק אונרוהיג, איצט האט איהם עפעס דער גאנצער ענין אנגעהויבען נישט צו געפעלען. ראלף האט נישט לאנג נאכגעטראכט איז צוגעגאנגען צום נאהענטסטען טעלעפאן און אנגעקלונגען צו טשארלען.

— הערט שעף, איהר מוזט שוין אהער־קומען בעבען גראנד־האטעל, איך ווארט דא אויף אייך.

טשארל דער געניטער דעטעקטיוו האט גלייך דערשמעקט, אז ס'איז געשעהען עפעס וויכטיגעס, ער האט דעריבער מעהר גארנישט געפרעגט, נאר גלייך צוגעפאהרען צם גראנד־האטעל, וואו ראלף האט שוין טאקע אויף איהם מיט אונגעדולד געווארט.

— וואס איז געשעהען? האט טשארל געפרעגט אויסשטייגענדיג פון דער טאקסובקע.

— איך האב פערלוירען נירענבערגן מיט סאניען פון די אויגען.

— צום טייוועל א שרעקליכע געשיכטע, דערצעהל מיר שנעל וואס דא איז פארגעקומען, ראלף האט דערצעהלט אל קמיט די גענויעסטע פרטים. פון אנהויב ווען נירענבערג האט זיך בעגעגענט מיט סאניען אין גאס, ווען זיי זענען אריין אין דער צוקערניע, ווען זיי זענען ארויס און ווי אזוי ער האט זיי צוליב דער מחלוקה ביי דער טיר מעהר נישט געקענט געפינען.

— דער טייוועל זאל עס נעהמען, ער האט אונז אריינגעפאקט אין זאק אריין, צי האסטו נישט פערשטאנען, אז די גאנצע מחלוקה איז ארגאניזירט געווארען דורך נירענבערגן, כדי דיך נישט ארויסצולאזען פון דער צוקערניע?

איצט האט ערשט ראלף אנגעהויבען צו פערשטעהן, איצט האט ער ערשט זיך געכאפט וואס דא איז פארגעקומען.

— צי האט נירענבערג זיך נישט בעגעגענט מיט אימיצען דורך דער צייט ווען דו האסט איהם אבסערווירט, האט טשארל געפרעגט שטארק אויפגערעגט.

— יא אין דער צוקערניע איז אריינגעקומען עפעס אנ'עלעגאנטער הער און איז עטליכע מינוט געזעסען ביים טישעל, ביי וועלכען ס'זענען געזעסען נירענבערג מיט סאניען, איך דערמאהן זיך נאך, אז דער הער האט גערעדט ענגליש, איך האב אבער בשום אופן נישט געקענט אויסכאפען אפילו קיין איין ווארט, ווייל איך בין געזעסען צו ווייט אפגערוקט פון זיי.

— אט האסטו עס, די גאנצע געשיכטע איז געווען ארגאניזירט, בעת דעם געקריגעריי ביי דער טיר האבען עטליכע מענשען סאניען אריינגעשטופט אין אנ'אויטא, וועלכער איז געשטאנען צוגעגרייט, און זיי זענען ערגעץ אוועקגעפאהרען.

— נאך וואס האט נירענבערג דאס געוואלט טון, האט ראלף זיך געוואונדערט, צי האט ער דען געוואוסט, אז מען אבסערווירט איהם, אז מען שפירט איהם נאך.

— אהן שום ספק האט ער דאס דערשמעקט און ער האט געוויזען זיינע נעגעל. איך אליין, האט דער דעטעקטיוו, געזאגט, בין אויך פיל שולדיג, ווייל איך האב נירענבערגן — יואל זילבערשטיינען צופיל גרינגגעשעצט, דאס איז א געוועהנליכע בעסטיע און מ'האט געדארפט זיין אויף אלעם צוגעגרייט.

— וואס וועלען מיר איצט טון? וואס וועט זיין מיט דעם מיידעל.

— צעהנדליגער געדאנקען קומען מיר אין קאפ אריין, איך וויס אליין נישט וואס אנצוהויבען, מיר האבען פערשפילט א גרויס געווינס, איך פערזעגליך דאס גרעסטע...

— הער שעף האט איהר טאקע נישט קיין שום עצה צו דעם אויסוואורף, וועט איהר רעגירונג פון ווייטער איהם פערפאלגען?

— דאס נישט, דאס נישט, מיין גאנץ לעבען, מיין גליק איז אפהענגיג פון דעם אויב מיר וועט זיך איינגעבען צו כאפען נירענבערגן, וואס הייסט מען איצט אן צו טון? מיר טארען נישט פערלירען קיין איין רגע, מיר מוזען אנבעהמען די ראדיקאלסטע מיטלען.

— בעפעהלט הער שעף און איך בין גרייט אלץ אויסצופיהרען.

(פארטזעצונג קומט.)

זעלטענע קאַריערע פון א יוד. געלערנטן

יודישער יונגערמאַן פון פוילען — בערימטעסטער פאַרשער אויפ׳ן געביט פון פסיכיאַטריע אין איטאַליען. — ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט אַלס פּראָפעסאָר פון נעאַפּאָלער אוניווערזיטעט. — איטאַליענישע פּרעסע לויבט זיינע הייל-מעטאָדען אַלס „ערלעזונג פון דער איטאַליענישער ראַסע און פאָלק"

בריף פון איטאַליען!

אונגעפעהר מיט צעהן יאָהר צוריק איז געקומען קיין איטאַליען, נאָך לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען דורך פערשידענע אייראָפּעאישע שטעט א יודישער יונגערמאַן פון פוילען, יעקב אייזענשטאט. ער האָט געהאָפט אין איטאַליען ענדליך צו ענדיגען זיינע מעדיצין-שטודיען, וועלכע ער האָט געמוזט אייניגע מאָל אונטערברעכען.

ער האָט זיך פערשריבען אויף דער נעאַפּאָלער אוניווערזיטעט, האָפענדיג גלייכצייטיג, דאָס אין דער גרויסער איטאַליענישער שטאָט, וואָס ווערט זעהר בעזוכט דורך פרעמדע טוריסטען, וועט ער אויך גיכער די מעגליכקייט האָבען פערדינען אויפ׳ן לעבען. די אויסזיכטען צו פערדינען זענען אָבער געווען אין דער ווירקליכקייט זעהר שוואַכע און במילא האָט דער יונגער סטודענט געמוזט ליידען הונגער און פיל צרות אויסשטעהן.

שטאַרקע כאַראַקטערען ווערען אָבער אין קאַמף מיט לעבענס-שוועריגקייטען נישט געבראָכען. פערקעהרט, זיי ווערען געפעסטיגט און ענטשלאָסען צום ווייטערדיגען אויסהאַלטען.. מיט דער לאַגע פון יודישען ליידענדען אָבער, פלייסיגען מעדיצין-סטודענט האָט זיך פעראינטערעסירט נאָך א צופעליגען מיט איהם געשפרעך. דער בעריהמטער איטאַליענישער געלערנטער, פּראָפעסאָר פון פּסיכיאַטריע אין נעאַפּאַלער אוניווערזיטעט: לעאָנאַרד ביאַנכי, וועלכע האָט פון דאַן אָן איהם מאַטעריעליש און מאָראַליש געשטיצט.

פּראָפעסאָר ביאַנכי׳ן האָט טאַקע ד״ר אייזענשטאַט צו פערדאַנקען זיין יעצטיגע שטעלונג און די בעדייטענדע ערפאָלגען פון זיין וויסענשאַפטליכער קאַריערע. זעהענדיג זיין גרויסען פלייס און די נישט געוועהנליכע פעהיגקייטען האָט איהם פּראָפעסאָר ביאַנכי גענומען צו זיך אַלס זיין אסיסטענט און אַזוי אַרום איהם געשאַפען די ווייטערדיגע גינסטיגע בעדינגונגען פאַר זיין וויסענשאַפטליכער טעטיגקייט.

די האָפנונגען, וועלכע פּראָפעסאָר ביאַנכי האָט געלעגט אויף זיין יונגען יודישען אַסיסטענט זענען געווען פולקאָם בעגרינדעט, ווען יעצט, אין אייניגע יאָהר נאָך פּראָפעסאָר ביאַנכי׳ס טויט האָט דער מעדיצינישער פאַקולטעט פון נעאַפּאָלער אוניווערזיטעט איינשטימיג אויסגעוועהלט ד״ר אייזענשטאַט׳ן איבערנעמען די קאַטעדרע נאָך דעם בעריהמטען איטאַליענישען פּסיכיאַטער.

ד״ר אייזענשטאַט בעזיצט שוין היינט אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט, אין איטאַליען און אין אויסלאַנד, א גרויסען נאָמען. זיינע ווערק אויפ׳ן געביט פון פּסיכיאַטריע און היילונג פון גייסטיג קראַנקע אונאָרמאַלע קינדער ווע״ען פערפאָלגט מיט דעם גרעסטען אינטערעס, זיין לעצטע גרויסע וויסענשאַפטליכע אַרבייט איבער׳ן איינפלוס פון ראַציאָנעלער ערציהונג אויף גייסטיגע אונאָרמאַלע און פערברעכערישע טיפען, ווערט אין איטאַליען גערע־כענט אַלס אַ ווערק פון אויסערגעוועהנליך וויכטיגער בעדייטונג. עס האָט שוין צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון פיל אויסלענדישע וויסענשאַפטליכע אינסטיטוטען און אַפילו פון פעלקער-בונד.

דעם פאַרבער״ייטען פון דעם ווערק — ווי עס האָט מיר לעצטענס געזאָגט ד״ר אייזענשטאַט — און די עקספּערימענטען, וועלכע ער האָט דורכגעפיהרט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָט ער געווידמעט אויסשליסליך די לעצטע זעקס יאָהר. אויף די קאָסטען פון נעאַפּאָלער אוניווע״זיטעט איז ער געפאָהרען קיין אויסלאַנד און האָט אין לענינגראַד פערבראַכט אַ גאַנץ יאָהר אין דער קליניק פון בעריהמטען פּראָפעסאָר בעכטיערעוו.

צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר בעכטיערעוו האָט ד״ר אייזענשטאַט דורכגעפיהרט פאָרשונגען איבער די אייגענשאַפטען פון די מוח-קעמערלעך, איבער די מעגליכקייטען .פון געדאַנקען-טראַנסמיסיע, איבער היפּנאָטיזם, האָט געשאַפען זיין אייגענע אָריגינעלע טעאָריע איבער׳ן עצם פון געדאַנק און דענקונגס-אַרט.

ד״ר אייזענשטאַט האָט אין איינעם פון זיינע לעצטע ווערק בעגרינדעט דאָס דער מענשליכער מוח שאַפט עלעקטריק-מאַגנעטישע שטראַהלען (ענהליך צו די האַרץ-פאַליעס) און זיי קענען ווער״ען איבערגעגעבען און אויפגענומען דורך אַנדערע מענשען און אַפילו דורך חיות. די עקספּערימענטען וועלכע ד״ר אייזענשטאַט האָט אויף דעם געביט לעצטענס אויסגעפיהרט אין נעאַפּאָל האָבען בעגרינדעט זיין טעאָריע און צוגעצויגען צו זיי די אויפמערקזאַמקייט פון די בריי͏טסטע וויסענשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע קרייזען.

כדי מעגליך מאַכען ד״ר אייזענשטאַט׳ן איבער־צונעמען די קאַטעדרע פון פּסיכיאַטריע אויפ׳ן נעאַפּאָלער אוניווערזיטעט האָט ער בעקומען די איטאַליענישע בירגערשאַפט. אין קעניגליכען דעקרעט וועלכער אַנער׳קענט איהם די איטאַליענישע בירגערשאַפט, ווערט בפירוש מאָטיווירט דאָס ער בעקומט זי פאַר זיינע בעזונדערע וויכטיגע וויסענשאַפטליכע פערדינסטען.

ד״ר יעקב אייזענשטאַט איז יעצט אַלס אינגאַנצען 33 יאָהר. ער איז געבוירען געוואָרען אין מעזריטש, אין קאָנגרעס-פוילען, אין אַ פרומער, יודישער פאַמיליע. אין יאָהר 1915 ב יידער עוואַקואַציע פון רוסישען מיליטער פון פוילען איז ער צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אוועק קיין רוסלאַנד און האָט אין מאָסקווע געענדיגט די מיטעל-שולע. ער ווער״ט אָנ־גענומען אויפ׳ן מאָסקווער אוניווערזיטעט, אָבער נאָכ׳ן אויסבר״עכען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע מוז ער איבער״רייסען זיינע שטודיען און יעצט נאָך לאַנגע שוועריגקייטען דערשלאָגט ער זיך נאָך ווילנע און פון דאָרטען וואַנדערט ער ווייטער און ענדליך נאָך נעאַפּאָל.

בעזונדער׳ען אינטער״עס רופען יעצט אַרויס אין דער איטאַליענישער וויסענשאַפטליכער וועלט ד״ר אייזענשטאַט׳ס פאָרשונגען איבער אַזוי גערופענע „געבוירענע פערברעכער“. ער וויל בעווייזען אַז אַפילו „געבוירענע פערברעכער“, וועלכע האָבען געירשנט פון זייערע עלטערען די פערברעכערישע נייגונגען, קענען דורך בעזונדערע ערציהונגס-מעטאָדען פרייער בען נייע זיטען און אייגענשאַפטען, וועלכע קענען ענדערען דאָס גאַנצע וועזען און כאַראַקטער פון אַ שעדליכן פערברעכערישען טיפּ.

די אייגענשאַפטען קען ער איבערגעבען זייטע קינדער און אַזוי אַרום דער געזעלשאַפט געבען נוצליכע און ערליכע בירגער.

ד״ר אייזענשטאַט האָט בעוויזען די ריכטיגקייט פון זיינע ערציהונגס-מעטאָדען אויף 2736 פער־ברעכער און גייסטיג אונאָרמאַלע טיפּען, וועלכע ער האָט געהאַט אונטער זיין אָבסערוואַציע אין די משוגעים-הייזער און שטראָף-אַנשטאַלטען פון נעאַפּאָל. 92,2 פּראָצ. פון זיי האָט ער אויסגעהיילט און געשאַפען פון זיי נאָרמאַלע, אַרבייטס-פעהיגע מענשען.

די איטאַליענישע פּרעסע אַרומרעדענדיג די געוויסענשאַפט-מעטאָדען פון ד״ר אייזענשטאַט, זאָגט וועגע וועגען איהם דאָס „ער ברענגט כבוד דער וויסענשאַפט און דער מענשהייט“.

דאַנק ד״ר אייזענשטאַט׳ס פאָרשונגען—שרייבט וועגען איהם אַ בעדייטענדע איטאַליענישע צייטשריפט: „קומט צו אונז אַ שטראַהל פון האָפנונג און גלויבען אין דער צוקונפט פון אונזער ראַסע. די צוקונפט פון אונזער פאָלק איז אַלץ מעהר בעדראָהט דורך׳ן אונגעהויערען וואוקס פון נערווען און גייסטעס-קראַנקהייטען“...

אין אַ קורצער צייט האָט זיך ד״ר אייזענשטאַט, דאַנק זיין אונערמידליכער אַרבייט ערוואָרבען איי־נעם פון די שענסטע שטעלונגען אין דער איטאַליענישער מעדיצינישער וועלט, און אויפ׳ן געביט פון פּסיכיאַטריע, וועלכע האָט שטענדיג געהאַט אין איטאַליען בעדייטענדע פאָרשער און אויטאָריטעטען.

ד. קליינלערער.

טורן-פעסט פון לאָדזער „מאָרגענשטערן“

שבת איז אויפ׳ן פּלאַץ „העלענאָוו“ פאָרגעקומען דער טראַדיציאָנעלער טורן-פעסט פון לאָדזער „מאָרגענשטערן“.

דער יום-טוב פון די יודישע אַרבייטער-ספּאָרט־לער האָט זיך געעפענט מיט אַ דעפילאַדע פון אַלע אַנטיילנעהמער אין אַ צאָהל פון 250 פּערזאָן.

די ערעפנונגס-רעדע האָט געהאַלטען ראַטמאַן פּאָזנאַנסקי.

„מאָרגענשטערן“ „איז דער איינציגער יודישער ספּאָרט-פעראיין אין לאָדז, וועלכער האָט די לעצטע יאָהרען געוויזען אין דער עפענטליכקייט די דערגרייכונגען פון מאַסען-טורנען. ווען מ׳קען נאָך נישט רעדען וועגען פאָלקאָמענהייט, מוז מען אָבער צוגעבען, אַז די דיסציפּלין און ערנסטקייט פון דער אַרבייט אין די רייהע זפּין די ספּאָרטלער איז גע־ווען אַנ׳אימפּאָנירענדע אין אַלע היגזיכטען און אין אַלע גרופּען, ווען ס׳זענען געווען שוואַכער די איבונגען אויף מכשירים (מיר רעדען נישט וועגען איינצעלנע טורנער) זענען אָבער פולשטענדיג קאָרעקט און שעהן אויסגעפאַלען די פריי-איבונגען, די איבונגען מיט פלאַשען און אַנדערע. גאַנץ בע־זונדער זענען אָבער געגעבען געוואָרען מיט חן און פערשטענדניש די אָלימפּיאַדע איבונגען פון דער פרויען און מענער-גרופּע. דער גרויסער פערזאַמעלטער עולם האָט אַרויסגעוויזען פיל סימפּאַטיע און אַנערקענונג פאַר די אינסטרוקטאָרען וועלכע ער ציהען גרויסע מחנות פיזיש גוט-ער־צויגענע יודי־שע אַרבייטער, די אינסטרוקטאָרען האָבען אויך בע־קומען פון די טורנער אַ קאָרב בלומען. די פיזישע ענטוויקלונג פון דער מענער-גרופּע האָט געמאַכט אַ בעזונדערען איינדרוק.

צום טורן-פעסט איז געקומען אַ ספּעציעלער אויספלוג פון ציקליסטען פון וואַרשעווער „מאָרגענ־שטערן“ און פאַ״שטעהער פון דער „מאָרגענשטערן“ צענטראַלע ד יה״ה אייסעראָוויטש און פרידריך.

——=:0:=——

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אַלע פּלוצימדיגע פאַרפאַלען צו יעדער צייט ביינאַכט און ביינאַכט ווי אויך אין אַלע אַקושעריע און גינעקאָלאָגישע הילף.
פערהיטונגס-שטעל אונטער דער ליטונג פון א ד״ר-ספּעצ. פון 9 אָיי. ביז 3 ביינאַכט

ווייסעל ארויסגעוואָרפען טויטען קערפּער פון א יודישער פרוי

דאַנציג (יט״א) אויפ׳ן גרעניץ-געביט צווישען פּאָמערן און דער טעריטאָריע פון דאַנציג האָט די ווייסעל אַ״ויסגעוואָ״פען אויפ׳ן ברעג אַ טויטען פרויע׳ן קער״פער. עס איז געלונגען בלויז פעסטצושטעלען דעם נאָמען פון דער טויטער — לידיא פראַנקשטיין, פונוואַנען זי שטאַמט, איז אונ־בעוואוסט. עס ווער״ט געפיהרט אַנ׳אויספאָרשונג, כדי פעסטצושטעלען, צי דאָ איז געשעהען אַנ׳אומ־גליקספאַל, אָדער אַ מאָרד.

שחיטה-פערבאָט אין ברוינ-שווייג

בערלין (יט״א) פון ברוינשווייג ווערט מיט־געטיילט, אַז דער דאָרטיגער לאַנדטאַג האָט אָנגע־גענומען אַ געזעץ, וואָס פערבאָט די יודישע שחיטה נישט בלויז פון פיה ,נאָר אויך פון עופות. דאָס איז דער ערשטער שחיטה-פערבאָט פון דעם מין אין דייטשלאַנד, ברוינשווייג איז די איינציגע פּראָווינץ אין דייטשלאַנד, אין וועלכער אַ נאַציאָנאַל-סאָציאַ־ליסט בעטייליגט זיך אין דער רעגירונג און האָט אַ בעדייטענדע השפּעה אויף דעם קאַבינעט.

דער „פּוילישער שטערן“

22

סענסאַציאָנעלער ראָמאַן פון דעם וועלט-קריג

האַרי האָט פער״חידושט אַ הויב געטון די ברעמען:

— דערפאַר, — האָט מאַרטימער פאָרטגעזעצט — ס׳איז דערפאַר, ווייל איך האָב אויף היינט איינ־געלאַדענט צו אייך, עטליכע גוטע פריינד אויף אַ פּאַרטיע ברידזש... קאָרטען זענען דאָך ביי אייך אוודאי פאַראַן?

האַרי האָט אָנגעוויזען אויפ׳ן קאָרטען-טישעל אין ווינקעל.

דערנאָך האָט ער אַ רוף געטון מאַרטאַן, און גע־הייסען איהר שנעלער דערלאַנגען עסען.

— אין די נאָהענסטע טעג — האָט זיך מאָר־טימער אָפּגערופען, פערשטעקענדיג אַ ברעג פון טישטיכעל הינטערן קאָלנער — עס שטייען פאַר זעהר וויכטיגע און אינטערעסאַנטע געשעהענישען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז קיין פראַנקרייך ווע־רען אַוועקגעשיקט צעהן דיוויזיעס. די דאָזיגע ידי־עות האָבען זיך דערוויל נישט בעשטעטיגט. איך האָב איך נישט געוואָלט בעאונרוהיגען, נאָר אַ צט מוז מען עס שנעל איבערגעבען אונזערע קאָרעס־פּאָנדענטען אויפ׳ן צ״ק״ים. צו דעם צוועק האָב איך בעשלאָסען, אַז פאַרטיע ברידזש אינ״ם הויז פון אונזער געשעצטען קאָלעגע בעלפאָרד וג,עם זיין דער בעסטער אופן צו אויפשטעלען די פער־בינדונג.

ער האָט ליבליך אַ שמייכעל געטון, און זיך איבערגעבויגען איבערן טעלער.

— איך וועל זיין זעהר צופרידען אויפצונעה־מען אייערע פריינד, — האָט האַרי געענטפערט — וועט איהר טרינקען אַ ליקער?

— אַ דאַנק אייך.

— מ׳דאַרף צוגרייטען אַביסעל כיבוד... ווי־פיל מענשען האָט איהר איינגעלאַדענט?

מאַרטימער האָט איבערגעציילט אויף די פינגער:

— מאַדאַם מאַלפּלאַקע, דער גנמער דרייצעהן און בערענד — דאָס איז דריי, דערנאָך איך און איהר איז צו זאַמען פינף.

— און בור-על-דין? — האָט האַרי כלאָמר יך אַ פרעג געטון.

מאַרטימער האָט איהם לוסטיג אַ דרעה געטון מיט׳ן פינגער.

— אַ, איהר אַלטער אַלטער היטער-פּראָסער! — האָט ער אַ שמייכעל געטון — איהר ווילט זי אָפּשלאָגען ביי מיר!... איך ווייס דאָך וועגען אייער היימליכען צוזאַמענטרעף מיט מיין הערליכער פריינדין.

האַרי איז שטאַרק רויט געוואָרען, און זיך דער־מאָהנט אין דער טענצערינס וואָרענונג, אַז „מאָר־טימער זעהט אַלץ און ווייסט אַלץ“...

אויפהויבענדיג דאָס גלעזעל מיט׳ן ליקער, האָט ער איהם פלינק אַראָפּגעשלונגען, כדי צו אויסבע־האַלטען זיין צורודערונג.

— פון וואַנען ווייסט איז עס געווען נישט זעהר ליבענסווירדיג צו ענטלויפען אַזוי שנעל, און נישט צו זעגענען זיך דערביי מיט דער דאַמע.

מערקווירדיג! וואָס דעם דאָזיגען פער־שוינס אויג האָט אַלץ געזעהן!

נישט וואַרטענדיג אויף אַנ׳ענטפער, האָט מאָר־טימער פאָרטגעזעצט:

— זי האָט וואַהרשיינליך געוויינט און זיך גע־קלאָגט אויף דעם, וואָס איך פערפאָלג זי?... ביי־גיין!... שאָקעלט נישט מיט׳ן קאָפּ!... לייקענט נישט! זי האָט זיך מיר אַליין מודה געווען...

— איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער קרעטשמע, — האָט האַרי אָפּגערופען סתם אין דער וועלט אַריין.

— מיין פריינד, — האָט שטיל אַ זאָג געטון מאַרטימער — דאָס שייגע מיידעל איז געוואָרען די לעצטע צייט אומדערטרעגליך... איך מוז אויף איהר שטאַרק אַכטונג געבען, און, גלויבט מיר, דאָס שטערט מיר זעהר אין מיין טעטיגקייט... איהר האָט מיר אָבער נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע: פאַרוואָס זענט איהר פערשוואונדען אַזוי שנעל, און וואַרום אזא ראָמאַנטישען אופן עפּעס?... איהר זענט דאָך ענטלאָפען דורכ׳ן פענסטער, אויב איך האָב נישט קיין טעות!?...

האַרי איז געווען צעהערט און דערשראָ־קען, אָבער ער האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז נאָר דרייסטקייט און ענטשלאָסענקייט קאָנען איהם ראַ־טעווען.

אין געוויסע פאַלען העלפט דער וואהרער אמת אויסגעצייכענט דעם שקר...

— איך האָב דערזעהן אַ מענשען, מיט וועל־כען איך האָב זיך נישט געוואָלט בעגעגענען...

— אַהאַ!... וועה איז עס אַזוינס?... אין דער קרעטשמע, אויף ווי ווייט איך ווייס, קומט נישט קיין גרויסער עולם...

דאָס אָנקומען פון מאַרטאַן, וועלכע האָט אַריינ־געבראַכט רייגע טעלער, האָט בעפרייט האַריין פון געבען אַ באַלדיגען ענטפער, און ער האָט בעקומען די מעגליכקייט אַ טראַכט צו טון:

בעסער פון אַלץ איז צו זאָגען דעם אמת — אויב מאַרטימער זאָל זיך אַפילו כאַפּען, אַז ער האַרי שפּילט אַ קאָמעדיע, זענען זיי דאָך איינס הויז בלויז זאַלבעצוויים. הייסט עס, אַז ער וועט זיך מיט איהם קענען אַנ׳עצה געבען... אַזוי־צי־אַזוי, אַ לעבעדיגער, צי אַ טויטער, אָבער מאַרטימער מוז היינט ביינאַכט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון דער פּאָליציי.

מאַרטאַ איז אַ״ויס פון עס-צימער, און האַרי האָט געזאָגט:

— איך האָב דער״זעהן אַ בעקאַנטען אָפיציר...

— אַהאַ!... דעם קאַפּיטאַן שטערני, אוודאי?

— האָט מאַרטימער קאַלטבלוטיג אַ פרעג געטון — איהר דאַרפט פאַר איהם נישט מורא האָבען, בעל־פּאָרד... ער בעלאַנגט צו דעם מין ענגלישע אָפיצירען, וועלכע טראַכטען נאָר אַריין אין פּראָפיט און אין זויף... ער איז אַ נאַרישער פערשוין... אָבער פונוואַנען קאָנט איהר איהם?

— איך האָב איהם איינמאָל אין אָוועגד גע־טראָפען אין האָטעל „גינעוויא“... נו... און אוי־סער דעם האָב איך בכלל קיין חשק נישט צוזאַמענצו־צוטרעפען זיך מיט ענגלישע אָפיצירען...

מאַרטימער האָט אויף איהם דורכודיגליך אַ קוק געטון, און אויסגערופען:

— ס׳אַראַ פאָרזיכטיגקייט!... איהר זענט די סאַמע פאָרזיכטיגקייט, בעלפאָרד!... אייער אַלטע גיט אייך אויסגעצייכענט צו עסען!...

(פאָרטזעצונג קומט)

Ostatnie Ogłoszenie!

Przyjmujemy zlecenia tylko do dnia 27 czerwca r. b.

WIELKA NIESPODZIANKA!

Za trafne rozwiązanie szarady otrzyma każdy bez wyjątku, bez żadnego losowania

Nagrodę 60 zł. w gotówce.

Wprowadzamy w życie towarzyskie nową grę pod nazwą

„Polska Komunikacja"

dostępną dla wszystkich, miłą, ciekawą i zajmującą.

„Polska Komunikacja" jest pierwszorzędną grą, którą bawić się będą tak osoby dorosłe, jak i rozumna młodzież.

„Polską Komunikację" zamierzamy wprowadzić jak najszerzej, a nadto propagując zamiłowanie do rozwiązywania szarad, podajemy jednorazowo do rozwiązania poniższą szaradę, premiowaną kwotą 60 złotych.

Kto zamawia: „Polską Komunikację" przy równoczesnem nadesłaniu zł. 2.50 w gotówce lub w znaczkach pocztowych, powołując się na niniejsze ogłoszenie,

Ten otrzymuje bezwzględnie: grę towarzyską „Polska Komunikacja", bez doliczenia porta, po cenie reklamowej zł. 2,50 oraz sumę zł. 60.— w gotówce, jeśli nadeśle przy zamówieniu trafne rozwiązanie szarady.

Rozwiązanie uprasza się nadsyłać możliwie w ciągu 8 dni od dnia ukazania się ogłoszenia. Ostateczny termin przyjmowania zamówień na grę wraz z rozwiązaniem szarady został przedłużony do d. 27 czerwca b.r. W ciągu tygodnia od tego terminu otrzyma każdy zamówioną grę „Polska Komunikacja", jak również w razie trafnego rozwiązania szarady— sumę 60 złotych. Dokument z właściwem rozwiąz. szarady jest zdoponowany u rejenta w Warszawie. Kopję właśc. rozwiązania załączymy każdemudo przesyłkidla własnej kontroli

ŁAMIGŁÓWKA ZGŁOSKOWA:

a — ak — au — błoń — by — ce — cho — ciel — ciel — cu — czy — giel — ig — ja — ka — kier — ko — kra — kręku — łam — ła — łek — mar — na — nia — nioł — o — o — pa — piec — przed — ser — sta — stwo — sza — tel — tor — tor — two — u — u — wa — wi — wiec.

Znaczenie wyrazów:

1. Reprezentacja.
2. Stan społeczny.
3. Przyrząd do oświetlenia.
4. Najważniejszy organ człowieka.
5. Reprezentuje stan handlowy.
6. Pisze dzieła.
7. Służy do gry sport. kulami drewnianemi latem i zimą.
8. Narząd wzroku.
9. Nasz wódz Narodu.
10. Organ słuchu.
11. Zawód wychowawczy.
12. Przybór do szycia.
13. Zawód rzemieślniczy.
14. Zawód artystyczny.
15. Posiada dużo słodyczy.
16. Drzewo owocowe.
17. Postać niebiańska.

Z powyższych sylab należy ułożyć 17 wyrazów o znaczeniu wyszczególnionem powyżej, których początkowe litery, czytane z góry na dół, dadzą nazwę reklamowanej gry towarzyskiej. 3579

WARSZAWSKA WYTWÓRNIA ZABAWEK, WARSZAWA, DŁUGA 50.

HURTOWNIA

OPON

części zamiennych

wszystko do Pańskiego Auta

NAJTAŃSZE CENY w POLSCE!

„BERSON", Łódź M. ROZENTAL i Ch. TENENBAUM
Narutowicza 16, tel. 128-30

מעדכעז=גימנאזיום

מיט פולע רעכט פון רעגירונגס-שולען (קאמפּ-נאריע A)

פון **מאריע האכשטיין**

וואלטשאנסקא 23, טעל. 214=27

דאס איינשרייבען פון נייע שילערינס קומט פאר טעגליך.

ביים גימנאזיום ווערט געעפענט א קלאס Ao פאר קינדער פון 5½ יאהר.

די עקזאמענס קומען פאר דעם 23, 24 און 25 טשערוויעץ. 3829

„פראצא"—(PRACA)

קאנצעסיאנירטע פרויען=פאך=קורסען

וואלטשאנסקא 21, טעל. 167=15

נעמען אן איינשרייבונגען אויף פאלגענדע אפטיילונגען:

1) דאמען-שניידעריי
2) שטיקעריי-האנד-ארבייטען
3) וועש-ארבייט
4) הוטען-פוצעריי-קאנסטרוקציע
5) אנדולאציע
6) מאניקיר

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג פון 9 – 1 בייטאג

א פאננע,

וועלכע קען גוט נייהען דאמען-קליידער, ווי אויך

א פאדרעטשניצע

קענען זיך זאפארט מעלדען קאמיענא 5, פראנט, 2-טען שטאק, וואוינ. 9. 3573

Dr. Z. Rakowski

פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

9 קאנסטאנטינער 9 טעלעפאן 127-31

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 3—5

גארדעראבע=ארבייטער

ערשטקלאס. ארבייטערין, עווענטועל אלס שותּפ'טע ווערט געזוכט. די אדרעס צו ערפאהרן אין פּאפּיר-געשעפט **שעראוויטש** פּיעטריקאווער 7. 3886

א גרויסע שטוב

אין פון זאפארט אי-בערצוגעבען דרעון= נאווסקא 26, ביי פ. זילבערגליי"ט.

ס'ווערט געזוכט אמענער-מאגאזין-שניידער

אלס שותף

א ווערקשטעל איז דא. צו ערקונדיגען זיך **שרוד-מיעסקא 52, וו. 25** (פריהער נייע צעגעלנ.18) ביי קוואשניעווסקי.

אכטונג, שטרימפּ=ארבייטער!

ס'ווערען געזוכט קוואליפיצירטע

קעטלערינס

סקלאדאווא 31ח.74 3. שט. סאפּעלמאן.

א בופעטאווע

א בעסער פריילין, בע-קאנט מיט'ן פערקויף פון וואסער און ביר, ווערט געזוכט פון זאפארט. צו מעלדן זיך פּיעטריקאווער **ala Aschinger 30** פון 4–6 נאכמיטאג.

ס'איז נויטיג א קוואליפיצירטע

מאשין-נייהערין

מאשין-שפּולערינס און וויקאנציארקעס צו סוועטערס

פשעמשעלעניץ פּיעטריקאווער 17.

Dr. med.

Łagunowski

Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych

Leczenie światłem: promieniami Roentgena i lampą kwarcową.

Przyjmuje od 8³⁰ do 10⁰ rano, od 1-ej do 2³⁰ pp, od 6 do 8³⁰ w., w niedzielę i święta od 10 do -ej. Dla pań oddzielna poczekalnia.

DR. MED.

Haltrecht

ספּעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקה., נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 6 ביז 8.30, אום זונטאג פון 9 ביז 12 בייטאג.

פּיעטריקאווער 10

נעמט אן אין לעטשניצע סאניטאס Śródmiejska 8 פון 12³⁰ ביז 1³⁰ נאכמ.

Dr. med.

W. Eychner

ניעפּקאלאג-אקושער

זגערזשער 11

טעלעפאן 134—72

נעמט אן פון 2—3 נאכמ. און פון 7½—9 אווענט.

אנ'ארט צו שלאפען

פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט, איז אבצוגעבען. צו ערפאהרען **פּיעטריקאווער 33**, אין 2-טען הויף, פּארטער.

קינא=טעאטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און ווייטערע טעג!

פּרעכטיגער דאפּעל-פּראגראם!

אויפ'ן פערלאנג פון ג' פּובליקום ווערט בענייט די פּראכטפולע סענסאציאנעלע סאלאן-דראמע

שמוציג געלד

אין דער הויפּטראלע: **ANNA MAY WONG**

די ליבע אין עקספּרעס=צוג

אין דער הויפּטראלע: **MARY PREVOST**

אכטונג, זומער=סעזאן! אנהויב פון די סעאנסען: אין געוו. טעג 5.30 נאכמ. שבת, זונטאג 3 א זייגער בייטאג. דער זאל ווערט מעכאניש ווענטילירט

קונסט-פאטאגראפישער אנשטאלט

„POLONIA"

Łódź, Jerzego № 11.

צופאהר מיט'ן טראמוואי נומער 3.

גרויסער סורפּריז פאר'ן ג' פּובליקום!

ווער עס בעשטעלט 6 ברוינע פאטאגראפיעס אהן אונטערשיד פון דער פּאזע, א גאנצע פיגור, ביז צו די קניה אדער ברוסט איין אדער 2 פּערזאן פאר 3 זל.

בעקומט א שפּיגעלע מיט זיין פאטאגראפיע אומזיסט!

בעמערקונג: צו די אויפנאהמען ווערן צוגעגעבען ספּעציעלע קאסטיומען אומזיסט.

וואנעס

— ווי אויך —

קינדער=וואנעס

בעקומט איהר נור אין דער בלעכעריי=ווערקשטעל

„ZGODA"

לאדז, צעגעלניאנא 2, טעל. 134=51 (עק פּעטריק.)

בעמ.: וואנעס ווערן אויך אויסגעארבעט אויף זומער-וואוינונגען

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפּעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס ... די קילע [illegible]



[illegible]

ארטאפּעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: [illegible] פּראפ. ד"ר בארא... פּראפ. דר. י. מא-רישלער, פּראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.

דאנקזאגונג.

[illegible]

Dr. BERGHOF Arzt.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.